STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07340

SONETN FUN TOYEVOYE

Jeremiah Hescheles

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירמיה העשעלעס

●

סאָנעטן פון תוהו ובוהו

[illegible]

ג ע ו ו י ד מ ע ט
מיין פרוי בעטין

ירמיה העשעלעס

ירמיה העשעלעס

סאָנעטן פון תוהו ובוהו

לידער, פּאָעמעס

פאַרלאַג „אייגנוועג"
ניו־יאָרק, נ. י.

JEREMIAH HESCHELES

SONETEN
FUN TOHU VAVOHU

POEMS

Copyright, 1957, by Jeremiah Hescheles
New York City, N. Y.

Published by "Eignweg"

Printed in the United States of America
by
Futuro Press, 476 Broadway, N. Y.

200

סאָנעטן פון תוהו ובוהו

כך ישבה הארץ תוהא ובוהא. אמרה העליונים והתחתונים נבראו בבת אחת. העליונים חיים והתחתונים מתים. (ב"ר ב').

וארעא הות תהייא ובהייא צדיא מבני נש וריקניא מן כל בעיר. (יונתן בן עוזיאל).

תהו ובהו. תהו לשון תמה ושממון שאדם תוהה ומשתומם על בהו שבה. (רש"י).

והארץ היתה תהו ובהו. ואותה הארץ הנבראת אז היתה דבר מורכב מחמר ראשון הנקרא תהו ומצורה ראשונה הנקראת בהו. כי אמנם לא היה נאות לחמר הראשון זולתי צורה אחת היא היתה ראשונה לכל צורות המורכבים בהכרח. ובזה התבאר שהחמר הראשון דבר מחודש. ונקרא החמר של אותו המורכב הראשון תהו להיותו מצד עצמו דבר כחיי בלבד בלתי נמצא בפעל אבל בדמיון בלבד והצורה הנשוא באותו המורכב הראשון נקראת בהו, כי בו בתהו שאמר נמצאת בפעל וקרא אבני בהו הנושא הבלתי עומד עם צורתו זמן נחשב כמו שקרה לנושא הצורה הראשונה שתיכף לבש צורות יסודות מתחלפות. (ספורנו).

אזוי זאָגט מיר אַן אייגענער: „פאַרשווייג
אין דיר דאָס נישט־אַרויסגעזאָגטע וואָרט
און רייס די סטרונע, איידער דער אַקאָרד
האָט אויסגערונדיקט דיין געזאַנג. דו, צווייג

פון בוים, וואָס האָט געשורשט אין קיין אָרט,
נאָר האָט אין לאַנגן נע־ונד — אין שטייג —
געלעבט אויף חסד לועזים; געפּאַרט
שמס איבערבלייב מיט יפתס שפּראַך־געצייג —

באַקער זיך, צווייג, צו יענעם אינדערפרי
פון בוים, ווען רוי, דריי־אותיק, אין געבלאַט
האָט לשון אויפגערוישט אין פולסטן בלי
פון עברס מויל! — אַניט בלייב נע־ונד
און ווארג אין זיך דיין קול!" — „מיין מאַמעס קול,
צי שמס?" — פרעג איך — און שטיל ווערט מיטאָמאָל.

שליחות

פלאַם אין צוואַנג

א

מיין ערשטן אויסגעשריי פיל איך אין מויל
נאָך היינט, ווייל איינגעגליווערט אין מיין גוף
איז נאָך דער סקרוך, וואָס איז ביים ערשטן רוף
אַדורך מיין פלייש און ביין, פון קאָפּ ביז זויל.

מיין צונג שפּירט נאָך אויף זיך דעם גלי פון קויל;
מיין אויג האָט אויפבאַוואָרט דעם פלי פון כרוב,
וואָס האָט געבראַכט דעם פּסק פון פייערפּראָוו
צו מיר — פאַר טעג פון צער און נעכט פון גרויל.

דערשראָקן האָב איך זיך פאַר נביאס וואָג,
צו־שווער האָט אויסגעזען דער איבערטראָג
פאַר מיינע כוחות, דאַרנדיק די קרוין.
געשיקט האָט ער מיך, אָבער — און זיין זאָג
האָט נאָכגעשאַלט, געוועקט מיך ווי אַ גלאָק:
„פאַרלאָז נירוואַנאַ און מאַך ערד דיין וואוין!"

ב

„פאַרלאָז נירוואַנאַ און מאַך ערד דיין וואוין,
און בויג־אָן צו נבואהס עול דיין קאַרק;
ווייל אויב דו ווילסט נישט, פאַל איך ווי אַ באַרג
אויף דיר — און דו וועסט דינען מיר אָן לוין.

דו פאָלג מיין שליחות, און המון
וועט יאָגן דיך מיט שפּאָט און שטיין פון מאַרק;
וועסט בעטן טויט אויף זיך, נאָר איך וועל שטאַרק
דיך מאַכן, ביז וועסט פרעגן אין דערשטוין:

׳האָב איך אַזוי געזינדיקט, אַז דיין שטראָף
זאָל האַרב אַזוי מיך טרעפן? איז קיין סוף
צו מיין געפּיין אין יאָמערטאָל נישטאָ?
ווי זאָל איך זיין אַ פּאַסטעך, אַז די שאָף
געטרויען נאָר דעם וואָלף, און ווילן שלאָף?
זיי רופן מיך שוואַרצטרעפערישע קראָ.

ג

'זיי רופֿן מיך שוואַרצטרעפּערישע קראַ
און לאָזן מיר נישט אויף דיין היכלס שוועל,
ווייל איך האָב נישט געגלעט דעם וואָוילגעפּעל
פֿון דיין כהן-גדול; ווייל כ'האָב צו זיין יאָ

נישט צוגעשאָקלט באַלד — איז אָן אַ דנאָ
זיין האָס אויף מיר — און ער, ווי מולכס קעל,
פֿאַרשלינגט דיין סטאַדע שאָף, מיט פֿלייש און פֿעל —
און זייער צאָל ווערט קלענער אַלע שעה".

אַזוי פֿאַרכאַפּט מיין וועג דער שטרענגער האַר
מיט אָנזאָג פֿון אַן אומפֿאַרדינטן צער
פֿאַר אמת, וואָס איז מין אנושי פֿרעמד
און גליט די ביינער מיר ווי בייזער זשאַר;
און איך דאַרף וויסן, אַז דאָס איז מיין שכר:
אַ הויט, אַ דינע, און אַ האַריק העמד.

ד

א הויז, אַ דינע, און אַ האָריק העמד
האָט אויסגעגורלט זיך פֿאַר מיר אין וויג;
געגנאָפּלט האָט מיך וועלט מיט נייע שטריק
צו זיך, און צו איר ברוסט מיך צוגעקלעמט

ווי אירן; וואָלט איך שיר געווען פֿאַרשעמט
דעם צלם־אלוקים, ווען נישט דיין בליק —
— השגחה פּרטית — וואָלט מיך נישט צוריק
דעם חוב געמאָנט; ווען האַנט, דיין שטאַרקע, נעמט

מיך נישט און פֿירט אויפֿסניי אין קאָן
און שטעלט אַוועק ביים סאַמע אויבנאָן,
צערייסט די ציינער מיר מיט מוסר־רייד —
האָב איך צעהיצט זיך אין שגעון;
און שכינה האָט פֿון מיר זיך אָפּגעטאָן...
געבליבן בין איך ווי אַן שווערד אַ שייד.

ה

געבליבן בין איך ווי אַן שווערד אַ שייד,
און אָפּגעקלונגען ליידיק האָט מיין וואָרט —
און פֿאַלש, ווי אַ צעסטראָיעטער אַקאָרד
באַגלייט אַ טאָן פֿון אַ צעפּלאַצטן פּלייט.

וואָס וועט אַ נביא שניידן, אויב ער זייט
פֿאַלאָווע אויף אַ פֿעלדזיק־האַרטן אָרט,
אַחוץ דעם ווינט, וואָס דו האָסט אויפֿבאַוואָרט
פֿאַר מיר — און האָסט אונדז זאַלבעצווייט

געשיקט אין שליחות. — פֿרעג איך: ס׳אַרא זין
פֿאַרבאָרגסטו גאָט, צי שטן, אין אַ דין,
וואָס טראָגט בלויז עונש — פֿליאָנטערסט מער דעם קנויל
מיט פֿאָדעם צו דעם לאַבירינט, וואו כ׳בין
פֿאַרבלאָנדזשעט, אַן אַ שיין פֿון אויסגעפֿין —
ביים ערשטן יאוש־אויסגעשריי אין מויל.

צלמות

אַ פּאַל־טיר בלויז צו אונטערגאַרטלס שאול
תחתיה: עפן אויף און נידער טיף
און טיפער; הויב זיך — פאַל, ביז דער לעצטער טריף
פון זאַמענזאַט פאַרלעשט מזבחס קויל

אויף דיין צעברענטער צונג און טמא מויל —
אָן וואָרט פאַר נביאס אומטויט; און קיין זיו
השכינהס רייף אַרום דיין קאָפּ; קיין מיף
פאַראייביקט דיך. ביסט לער, ביסט פּוסט, ביסט הויל.

צוריק אַרויף איז שפּעט. פאַרגעס! ס׳אַ שאָד
דיין מי: דיין לייטער האָט קיין שטאַפּל מער —
און דו שטעקסט ביז צום האַלדז אין זומפּ. זאָג, ווער
וועסט ביישטיין דיר אין נויט? אַ שד? אַ גאָט?

ס׳איז שפּעט! די פּאַל־טיר שליסט זיך צו — און שר
של שכחה מיט אַ קוש צאָלט דיר דיין שכר.

קדמון

א

אַ נאַכט אין חודש כסלו; פראָסט און שניי
און שטערן; שלאָגט אַ שפּעטע שעה און פליסט —
אַוועק מיט לעצטן, כריפּלען קלונג, און גיסט
צונויף זיך און פאַרשוויגט אין שטילקייט. כ׳גיי

פון אַלטער קלויז אַהיים. די שטאָט איז וויסט
און בלינד. איך הער נאָר מײַנע טריט: אָט שטיי
איך ביי דער טיר און גיב אַ האַלבן דריי
דעם שליסל; פיל איך, אַז אַ האַנט פאַרשליסט

צוריק דעם שלאָס, און קערט מיך אום און פירט
מיך איבער גאַסן ליידיקע אין קלויז
אַריין; און נעמט פון ספרים־שראַנק אַרויס
אַ ספר: מישט אַ דף אויף — און פאַרלירט
זיך צווישן שאָטנס. — פינקלט אויף מיט זיו
השכינה: — ר׳ אלעזר פתח: — כתיב —

ב

בריש: — אין איידער־אָנהייב פון באַשאַף,
ווען ליכט האָט זיבנזוניק דורכגעבלענדט
דעם חלל, האָט זיך י׳ פון תמצית־ווענט
אַרויסגעריסן: און אויף בלאַנקן דף

געפעדערט פון נקודה ביז צו קו;
דערנאָך געשפרייט אין שטח — און צום ענד
געקעסטלט זיך אין דריי־מאָס. האָט געווענדט
זיך יש מיט כפלים־טרייב אין ערב־רב

פון כאַאָס. גליווערט חומר אָן באַוועג
עידן־עידנין: עד — ביז ה׳ פון שם
המפורש האָט צעשפּאַרט דעם קבר־קלעם
פון זעיר און אריך, און שליסט אויף די טעג
פון בראשית; און קנעט אוים פון זיך אַ טרוים
פאַר הורמנותא — האַר פון צייט און רוים —

אַלבערט איינשטיין

(צו זיינע 70 יאָר)

פון אַלע ווינקלען אַ געאינסופֿט אויג
דערהויבט דעם פּינטל ביזן טעסעראַקט:
אין רוים מיט קוב־ווענט 4־מאָס גרייכט — און האַקט
פֿאַר זיך אַ בלויזן שטעג אין אַטאָם־רויג;

פֿאַרלויפֿט אין מילכוועג און ספּיראַלט ביים בויג
אַוועק פֿון קרייז; שפּרינגט־אָפּ פֿון טראַקט
און יאָגט אַריבער ליכט. — פֿון וואָרן פֿאַקט
ווערט אויס, באַלד מינוס נול... קומט־אויף אַ נויג

און ווינקלט אַלע ראִיות אין איין בליק
צום אפס, וואָס פֿאַרזויגט זיין יעדן שטראַל
צוריק — און ווירקלעכט זיך אין פּראָטאָן־באַל
ביים טיפֿסטן תהום פֿון יש און ווערט אַ בריק
צו גשמיות, און קניפּט אַלע חושים אָן
צום אָרביט פֿון צעוואַלצטן עלעקטראָן.

האַלבקייט

פון יענער זייט לבנה־ספער וואוהין
קיין ערדיש אויג האָט קיינמאָל נישט דערגרייכט:
פון יענער העלפט, פון אונדז אַוועק — באַבלייכט
איר זילבערפּנים ווייטע מיטנעכט אין

צעבלויטן אין־סוף... דורך הימלען פרעמדע שלייכט
איר בלאַס געזיכט, און לאָקט צו זיך די זין
און טעכטער, קינדער פון באַזונדער־מין,
פאַרבענקטע און — ווער לאַכט פון מיר? ווער שטרייכט

און מעקט פון צונג מיין וואָרט־געוועב צום לבוש
פאַר אויסגעטרוימטן ערב־יאָ פון וואָר,
אַ דאָאיקע, און קלאָר־דערבליקט פון חוש־
הראיה? — מולדס צוועלף פון יאָר צו יאָר:
ווער שפּעט אויס מיין פאַרגאַף פון בלינדן תחום?
נעמט ער לבנה מיט זיין בליק אַרום?

—1

אין וועלט פון מינוס איינס, וואו יש ווערט אוים
און קלענער נאָך ווי נול — וואוינט איצט געדאַנק,
אַן ערשטער שוואַלב פון מענטשלעכן דערלאַנג
צו מאַטעמאַטיש־אויסגעאָנטער גרויס

פון גשמיות אַנטקערפּערטער, אין שוים
אַ שפּיגלענעם, וואָס בלויז געבערט דורך צאַנק
פון לעבנס אין דער וועלט פון פּלוס ; פּאַרגאַנג
איז אויפקום דאָ : ענטראָפּיע ווערט ברויז.

און ווען געוואַגטער טראַכט עקסטראַפּאָלירט
פון הווהס שפּרינגברעט צו אַ וויטן מאָרגן,
דערזעט ער, טיף אין מינוס איינס, פאַרבאָרגן —
אַן אוניווערס, וויטאַל־דינאַמיש, וואָס פירט
פון אייביק־אויסלאָז צום געבורט צוריק,
דורך ציקלישן געדריי פון קבר־וויג.

טאָפּלטייטש

ווער האָט מיט ערשטן מעטאַפאָר פאַרבונדן
מיט כוואַליעס — שאָף, און מיט אַ לייב — דעם העלד ?
ווער האָט פאַר יעדער זאַך אַוועקגעשטעלט
אַ שפּיגל — און אַ ליכט אַ נייס געצונדן

צו זען דורך טאָפּלטייטש דעם תוך, דעם רונדן,
סיי דרויסיק און סיי אינערלעך באַזעלט ?
פּיקסירן מיט אידענטישקייט די וועלט,
נאָך איידער צורה אירע ווערט פאַרשוואונדן ?

פאַר וועמעס קלאָרן אויג האָט זיך אַנטפּלעקט
די שייכות צווישן ווילד־זיך־פרעמדע זאַכן,
צו זוכן שוואַך אין שטאַרקן, שטאַרק אין שוואַכן,
דורך דיקן לבוש, וואָס האָט זיי איינגעדעקט ?
האָט ער אַריינגעדרונגען אין גאָטס וואוין,
און האָט פאַרמאָסטן זיך אויף בוראס קרוין ?

אין זיג־זאַג

פון אַל־באַשאַף איז בלויז מיין פּראָטאָ־צעל
פאַרוואַנדערט אין אַ זייטנשטעג — אָן סוף:
געזיג־זאַגט זיך עאָנענלאַנג, פון שלאָף
צו וואַכזין; אויסגעביטן קאָרע, פעל

אויף הויט. — און טעלום האָט אין קאַרוזעל
אַרום דער זון מעטאַבאָלירט מיין שטאָף;
ביי יעדן נייעם קרייז געהערט: „כי טוב!"
און באַלד: „הדרן עלך!" קיין רו, קיין שוועל.

און איצט — אויב איצט איז נאָך נישט אָפּגעוועזן —
וואו בין איך איצט? אין ס'אַראַ פונקט פון רוים
צייטוויילק איך? צי שאַר איך זיך ביים זוים
פון מילכוועג, אין ספּיראַל; און מיינע שפּען
פאַרווירבלען — הינטערווייליכץ — מיך אין שפּור,
פון מענטש, דורך חיה, פלאַנץ, צום אורסטן אור?

קאַראַהאַד

נאָך איידער איך האָב זיך אַוועקגעגנאַפּלט
פון ערב-לעצטן שורש, האָב איך שוין
געלעבט; נאָר וואו און ווען איך האָב מיין וואוין
געבויט, געדענק איך ניט... מיין יש — געטאָפּלט

פון שכחה און זכרון — האָט צעגאָפּלט
אין צוויי זיין גאַנג דורך צייטרוים: איבער פלוין
צום ים — אַ טייך; און אַ פונאַנדערקרוין
אין וואָלקן פּילקאָליריקן, וואָס טראָפּלט

מיט רעגנטוי אַראָפּ, און שפּייזט דעם קוואַל
פאַר ווידערשטראָם צום ים. — אַזוי כסדר
געגילגולט האָב איך זיך אין ראָד, נאָך איידער
מיך האָט אויפגעוועקט אויפסניי אַ שטראַל
פון קדמונים זון צום וועג, אַ שוין-געטראָטענעם,
דורך ווידערזיין, אַן איבריק מאָל פאַרקנאָטענעם.

מיטן ווינט

מיר ראַנגלען זיך פֿון ענגעניש צו לופֿט,
דורך טונקלע שיכטן-פֿעלדזן, ליים און שטויב;
מיר וואַקסן און פֿאַרמעסטן זיך אין הויב
צו גרייכן דאָרט, וואוהין די זון אונדז רופֿט.

און אונדזער זאָמען ווערט מיט שטאָף באַגופֿט;
דעם וועג פֿון שטייגן רויטלט מאָרד און רויב.
געוואָלט; געפּעלט — און נאָכאַמאָל געפּרוווט,
פֿאַרדרענגען פֿויל-צעפּאַל פֿאַר בלי-געקלויב.

מיט בענקשאַפֿט זוכן מיר דעם צווייטן מין,
צו טראָגן אונדזער פּרוכט צום סוף פֿון טעג;
ווען טויט אייזט אונדזער בלוט אין מיט געיעג,
זאָל וועלט אַלץ דינערן צו טריט פֿון זין.
און קינד צו מאַן רייפֿט, און געבערט אַ קינד —
און טרייבט זיך איבער דורות מיטן ווינט.

ערב אָדם

א

אַמאָל שוועב איך אין שלאָף דורך צייט און רוים
פון איצטיק זיין אַרויף צו נעסט אין צווייג
און טוליע זיך מיט הענט און פיס צום בוים —
פאַרגלאָצט אויף אורבאַשאַף גאָף איך און שווייג...

מיין ענגע וועלט רייסט זיך ביים הימלזוים,
וואָס צוימט אַרום מיר אוים מיין בלויע שטייג ;
און זיסן אָקסנפלייש שנייד איך אין טרוים
מיט שאַרף פון קיזלשטיין, מיין ערשט געצייג —

אין וויפיל קערפערס האָט מיין זעל געוווילט
און האָט איר וואוין פאַרלאָזט אין קלעם פון ציין ?
פון וויפיל לייבער האָב איך זיך געשיילט
און אָנגעבאַרגט מיין גאַנג מיט טויט געביין ?
אַ וואָרף וועקט אויף פון חלום מיך צו וואָר ;
אַ נייער ביי מיין פענצטער גרויט קאַיאָר...

ב

געווען בין איך אין מענטש צום ערשטן מאָל
ווען ער האָט זיך פון פיר געשטעלט אויף צוויי;
געהערט האָב איך זיין ווילדן אויסגעשריי
ווען ער האָט זון דערזען אויף באַרג און טאָל;

געקומען זיינען זאַכן אין אַ ריי
און אויפגעציטערט סטרונעס אין זיין קול;
געבליט אויף ליפּן ווערטער אַלערליי
און זיך באַהעפט צו שטאָף מיט וואָרט און צאָל...

פאַרבלענדט האָט מיר דער בליק ווען אויפגעבליצט
אין מוח דער באַגער פאַר אייביקייט;
און וואָרט האָט זיך מיט ריוו און שטיין פאַרקריצט
צו טראָגן זיין שליחות דורות-ווייט, —
און מיך דערמאָנען ווען איך טרעף זיין שפּור,
אַז איך בין קוים אַ פאָדעם אין דעם שנור...

ג

דערזען האָב איך דיך נאַקעט ווי אַ בלום —
ווען דו האָסט זיך פון צווייג צו צווייג געוויגט;
האָסט פיילן פון דיין בליק מיר נאָכגעשיקט
וואָס האָבן מיך דערלאַנגט פון אומעטום.

מיין וואָרט האָט מיך ווי ביין אין האַלדז געשטיקט,
געוואַנדערט מיין באַגער האָט נאָך דיר שטום.
מיך הונגערט; און פאַר מיר מיין עסן ליגט
און דורשט ברענט מיך, כאָטש וואַסער קוואַלט אַרום.

דער אָוונט פאַלט מיט בערג צו אויף מיין ברוסט
און צינדט אַ פלאַקער אָן אין יעדן גליד;
אומזיסט פאַרגייט זיך סאָלאָוויי אין ליד,
אַז זיינע טרעלן קלינגען צו מיר פוסט...
מיין בענקשאַפט פלאַמט אין האַרץ און גרייכט ווי רויך
צו דיר, מיין פייערפויגל, אין דער הויך.

איבערקנעט

מיר ברעקלען זיך פֿון לייב אין שטויביק מעל
און קנעטן זיך אין אייגן בלוט און שוויים —
צום מאָגן פֿון באַשטאַנד צו ווערן שפּייז,
און קייקלען אונדזער שטאָף פֿון צעל צו צעל.

מיר וואַנדלען זיך אין וואַלפֿיש און אין קרעל,
און מיניען מיט קאָליר פֿון שוואַרץ ביז ווייס;
מיר נענען זיך דער וועלט — ווער מילד, ווער בייז,
און היטן זאַלבערנאַם אָפּ פֿלייש און פֿעל.

מיר דרעמלען איין מיט טראָפּנס טוי אין שלאָף;
צומאָרגנס וואַכן מיר מיט לאַנקע־גרין:
אין אָוונט טראָגט אונדז אָפּ אַ סטאַדע שאָף,
און קערן זיך ביינאַכט צו אונדזער מין.
מיר זויגן לעבן אויס פֿון מוטערס בריסט —
און וואַקסן און צעפּאַלן זיך אין מיסט.

פון קער

מיין זאָמען האָט זיך אויפגעפּראַלט פון קער,
און קנייפּט מיט וואָרצלען זיך אין גרונט אַריין,
און וואַקסט און גרייכט מיט שטאָם צום זונענשיין —
דאָס קול צו פאָלגן, וואָס באַפעלט אים: „ווער!"

אין לייב פון וועלט פאַרבייסט ער זיך מיט ציין,
און פליקט אוים שטיקער פלייש פאַר זיין באַגער;
און שטייגט אין רוים, אין טרייב פון זיין באַשער —
דורך דומם-צמח-חי צום מענטש אַליין.

נאָר איינמאָל טרעפט זיין בים אָן אויף גראַניט
און וועכנעט אין געקיי זיין קינבאַק אוים,
און קערט אויף זיך אַליין צוריק פון שטוים,
פאַרצערט צו ווערן פון זיין יונגן צוויט,
וואָס רייפט אין פרוכט און ווידערט אין פאַרזיי,
און וואַרגט מיין בוים און זאָגט צו אים: „פאַרגיי!"

ראָד־איין, ראָד־אוים

א

מיר זאָגט אַ פילאָזאָף: ס'איז נישט קיין שטריך,
אַ גלייכער, אונדזער לעבן אויף דער ערד;
ס'איז נישט קיין ראָד, וואָס צירקלט זיך און ספערט,
אין קיילעך איינגעצאַמט — און ענדיקט זיך.

ס'אַ מין ספּיראַל, וואו יעדער נייער איך
פון מענטש דערוויטערט זיך פון מיט, און קערט
זיך אום — כמעט — אין זעלבן וועג; נאָר ווערט
אַרויסגעשטופּט פון קרייז; דערכאַפּט זיך גיך

און לויפט צוריק אַרום דער אַלטער אַקס,
נאָר מיט אַ נייעם היקף. — דוכט אַז דאָ
בין איך שוין אָפּט געווען; אַז אָט־די שעה
איז מיר באַקאַנט — ווייל ס'איז דער זעלבער וואַקס,
בלויז אַנדערש זיין פאַרקנעט. אַ מענטש? אַ זשוק?
ווער ווייס? — ס'איז בלויז ווי ס'ווייזט אונדז אוים אין פלוג.

ב

אַ הרף־עין בלויז — דאָך איז גענוג
זיין דויערשפּאַן אַ לעבן דורכצוגיין
פון אויסברי — פלי — צום סוף אין קלעם פון ציין,
און אויס... איצט הער: ואלה תולדות זשוק —

געווען אַ נפש אָן אַ רוקנביין:
געלעבט — אַ ווייזערדס אומבאַמערקטן רוק
אויף ציפּערבלאַט; אַ סאַפּ פון אָטעמצוג
ביים קאָסמאָס. דאָך איז ער ביי זיך אַליין,

אין דריבנער אייגנמאָס, געווען אַ ריז,
אָן אייביק־בלייביקער, צום ענד פון טעג.
האָט ער אַמאָל געאָנט, אַז אויף זיין וועג
פאַרלויערט זיך אויף אים דער בייזער בים
פון גסיסה? און אַז גליטשיק פּראַלט דער שלונג
פון טויט — דער חותם פון זיין קורצן שוואונג?

ג

פון מענטש צו זשוק איז מער ניט ווי אַ שפּרונג,
ווען ביידנס לעבשטאָף פוילט און פאַלט אין שטויב,
און וואַקסט אַרויס פון ערד מיט נייעם הויב:
אַ פלאַנץ, צי חיה — מיט אַ פרישן פונק

פון ניי־באַוואוסטזיין, האַפערדיק און יונג;
צעזינגט פולמויליק זיך מיט העכסטער ליִב
צו זיך — און זילבערט אויס געדיכט די שויב
צו וועלט — און זעט נאָר זיך אַליין. די צונג,

אַ גיריקע, זוכט יענעמס בלוט און זאַפט
און נאָגט חיונה אויס פּין יענעמס פּיין.
אַ מענטש? אַ זשוק? ס'איז בלויז אַן אויגנשיין
דער חילוק צווישן זיי; ס'האָט קוים אַ האַפט
פון איין זיליאַנסטל עאָן־פולס פון צייט
צו זייער שטויבס באַנייטן איבערבייט.

אַרוים צו זון

אַ פּרי איז אַן אויפגעבאַלטער בלאָז,
וואָס טויט צום לעבן הויכט דורך בּים אַרויף;
און מונטערט גליוועבלוט צום נייעם לויף,
צו גיסן סאָק אין פּרוכט, ווי וויין אין גלאָז.

אַ פּרי איז צו זון אַ פּולער כוס,
וואָס פינצטערניש פון טויטע מאָנט צונויף,
און הייסט די קערפּערס צאָלן זיך דעם חוב
פאַר יעדן בּים און שלונג פּין פלייש און גראָז.

און ווען אין שאָלעכץ קייען זיך די ציין
און פרעסן אוים צום גומען קוואַלן זאַפט —
ווערט יעדער טראָפּ, וואָס זאַפּט אין גוף אַריין,
אַ רינגל אין דער קייט, וואָס ציט מיט קראַפט
צוריק אַהין אין טונקלער שוים פון ערד,
צו נערן די, וואָס האָבן אונדז גענערט.

העדאָניקאַ

אַלעגראָ

די זון אין מיטן הימל גליט אין העלן פלאַם
און צייטיקט דריבנעם קערן אַרויף צו פולער זאַנג;
די רייפע שפע רוישט און כוואַליעט ווי דער ים
און מאַכט די שניטערס וועג אין שווינג פון זייער גאַנג.

מיר שפּרייזן צווישן קאָרן מיט מונטערן געזאַנג
און לידער פלעכטן זיך אין קלאָרן זאַלבערזאַם;
די קולות ווידערן זיך אין וואַלד פון שטאַם צו שטאַם
און קאָסעס בליאַסקען צו מיט הילכעדיקן קלאַנג.

ווען זאַנגען שפּרייטן זיך מיט דעם בלאַנקען שניט
און גאַרטלען זיך צונויף אין גאָלדנגינעם סנאָפּ;
דאַן זאָט פון ליד און ליכט זינקט מיין מידער קאָפּ
צו חלומען פון זומערצייט און פון עפּל-צוויט;
און הער נישט ווי עס דונערן נענטער אַלץ די טריט
פון העקערס וואָס פאַרשניידן ביימער אין דער מיט.

דעם ים אַנטקעגן

איך האָב ליב די רויקייט פון ברייטן געזאַנג,
פון בערג און טאָלן, הימל און ים;
מיט זוניקער פרייד זיך זאַפן ווי אַ שוואָם,
און טראָגן זיך לייכט אין מיין ערדישן גאַנג.

און גרונטעווען זאָלן זיך צווייטע צום תהום;
מיר איז גענוג מיין פּראָסטער פאַרלאַנג:
יאָדערדיקע זערנעם פּיקן פון אַ זאַנג
און באָרוועס בראַזגען אין זאַמד ביים שטראָם;

מיט מיידל זיך האַלטן האַנט־אין־האַנט
און הערן ווי דול צוויי הערצער קלאַפּן;
אַנטקעגנגיין כוואַליעס מיט ברוסטן געשפּאַנט,
אין ד׳אויגן זיך פליוסקען מיט פּערל־טראָפּן;
מיט זשמעניעס וואסעם די אויערן פאַרשטאָפּן
און דרימלען איבער טיפקייט מיט אַ כוואַליע צוקאָפּן.

שפּינוועבס אין ווינט

— וועק אויף די סטרונעס, קלעזמער, און צעברויז
מיין אומעט ביז צום סאַמעם אינגעווייד.
מיין שאָטן מזרחט זיך, מיין זון פאַרגייט,
פון טאָג רינט באַלד דער לעצטער שטראַל אַרויס.

פון נאַכט גליטשט טויט־שרעק זיך ווי שווערד פון שייד
און פרירט מיט קרעלן אייז די טוי אין רויז:
— קאַפּעליע, זעג דעם באַס, די פּויק צעשטויס,
אין צימבל האַגל, וויבער־אויף דיין פלייט!

דער אָוונט קאָסעט זאַנגען ליכט, און בינדט
אין סנאָפּעס זיי פאַר יענעמס אינדערפרי.
פאַר מיר וואַכט איצט די סאָווע אויף צום פלי,
און שפּינוועבס צויטעט זיך ביים זום פון ווינט.
אַ מידער עפּל — פאַלט מיין טרוים אין קויש,
פאַרוויג אים, קלעזמער, אין קאַפּעליעס רויש.

טרויב אין זון

קום צפון-ווינט אוןווירבל אויף דעם שטויב
פון מיינע יונגע יאָרן און אַנטפּלעק
פאַר מיר כאָטש נאָכאַמאָל די בלויע טעג,
ווען איך האָב זיך געצייטיקט ווי אַ טרויב —

אין זון. און קער מיר אום די ווייסע טויב
צוריק, מיט אַנזאָג פון דעם גרינעם ברעג,
וואו איך האָב אָפּגעאַנקערט זיך צום וועג,
אין ראַשן שויבער־שווים פון פּאַל און הויב.

באַהיינטיק מיינע נעכטנס מיט דעם גליק
פון שוימיק בלוט אין שטראָם דורך פלאַמיק פלייש:
צינד אָן מיין גיר, ווי אש אוכלת אש,
און וואַרף מיין דורשט און הונגער אויף דער וויג
פון מיידלבריסט. און קניפּ מיין יעדן חוש
צום טיפן קלעם אין האַרץ ביים ערשטן קוש.

ראָמאַני

אַ ציגײַנער װיל איך זײַן, און פֿאָרן אין אַ בויד;
אויף לײַצעס פֿאַרציען צװײ קאַרע פֿערד;
נאַקעט שלאָפֿן גײן אויף דער הוילער ערד;
צום האַרבסטיקן װינט באַקן ברױן מײַן הויט:

און װיסן, אַז יעדע שטאָל מיר געהערט,
אויף אַלע פֿעלדער צײַטיקט מײַן ברויט;
עפּל אין די סעדער, אין די גאָרטנס קרויט,
און רויטער װײַן אין אַלע קעלערס יערט.

און אַמאָל זיך פֿאַרהאַלטן אין מיטן פֿעלד,
מיט פֿינגער אויף פֿידלען זיך פֿאַרדרײען אין טאַנץ,
אַרויספֿירן פֿון מײַן עלטסטנס געצעלט,
זײַן ייִנגסטע טאָכטער, און איר אָנטאָן אַ קראַנץ...
מיט איר זיך לאָזן אין דער װײַטער װעלט,
דורך װאַרעמע װינטן, און דורך פֿראָסטיקער קעלט.

עקסטראַפּאָלים

מסעות ווייטע פון דעם איצט־אַרוים
צוריק צום עבר, און פאָרויס צום עתיד:
צו זען די זערנע, איידער אָפּגעקאָסעט
ס'איז נאָך איר זאַנג — און דורך צעפויל פון רויז

אַ נייעם בלי דערזען אין אויפגעברויז
פון בלעטער, געצערטלט און באַראָסעט,
באַגרינט פון זומערשפריי, וואָס שטעפּט, פאַרסקאָסעט,
דעם הימל־בלוי מיט ערד: אַלץ ליגט אין שוים

פון צייט, אויב ווילסט און קענסט און וואַגסט באַרייזן
דאָס אויסגעליידיקט לאַנד פון שוין־געווען
און לערע שטחים פון נאָך־נישט־געשען;
בלויז דעמאָלט וועסטו מיט די געטער שפּרייזן
אין אייביק־וועלט — און פירן וועט דיין וועג
צו אַלע דיינע אָפּגעלעבטע טעג.

אומבאַזוכטער אומעטום

מיך רופט די ווייט צו זיך: אַ נעפּלהאָרן
ביינאַכט — און פיבער נעמט מיין לייב אַרום;
דאָס קול פון בלוט מאָנט מיך אַרויס פון תחום,
וואָס איז פאַר מיר צופרי אַ היים געוואָרן.

אַזויפיל וועלט בלייבט נאָך אומאויסגעפאָרן;
אַזויפיל אומבאַזוכטער א ו מ ע ט ו ם —
אַנטפּלעקט די ווייט זיך פּלוצים; זאָגט מיר: „קום,
מיין פריינט, מיט מיר, און לאָז נישט דיינע יאָרן

פאַרוויאַנען צווישן ווענט, וואָס תפיסהן דיך
און רויבן דיר אַוועק דעם האָריזאָנט
דעם בלויען. קום און פאָלג דיין בלוט, וואָס מאָנט
פון דיר אַ נישט־באַצאָלטן חוב, ווייל גיך
איז פולס, און גיכער נאָך איז גאַנג פון טעג —
און מידער ווערן פיס פאַר ווייטן וועג.

מעצאַטינט

אַמאָל ציט־אָן פון ערגעצוואו אַ ווינט
און ברענגט מיט זיך אַ מאָדנעם אַראָמאַט
פון מאַי, אַ לאַנג־פאַרגעסענעם, ווען בלאַט
האָט זיך מיט צווייט געשפילט. געבלויט, געגרינט

מיט סאַפיר, אַמעטיסט האָט מעצאַטינט
פון צווישנליכט אין זונס זיליאַנקאַראַט
ביי שקיעה. דורך געדיכטן וואַלדס בראָקאַד
געוואַנדערט האָבן מיר: אַ לאַבירינט

און אַ פאַרבלאָנדזשעניש האָב איך געזוכט
אין זיין פאַרשלענגלטקייט — אַז איך און זי,
אין אונדזער סאַמע ערשטן אויסגעפלי,
צום צווייט פון עץ־החיים, ביז צום פרוכט
דערבייסן זאָלן מיר, ווי אין דער שעה
פון יענעם מאַי, וואָס איז שוין מער נישטאָ.

מאַעסטאָזאָ

אין אָפּגרונט וועל איך מיינע וואָרצלען פאַרקלעמען,
צום הימל גרייכן וועלן מיינע צווייגן;
פון טיפסטע קוואַלן וועל איך וואַסער נעמען,
די העכסטע זונען שלינגען אין מיין שטייגן.

מיין שאָטן וועל איך איבער וועלדער לייגן
דער ערשטער זען דעם מאָרגן עפענען די ברעמען...
ווען וואָלקנברוך וועט אַלע ביימער פאַרשווענען
און וועכנען זיי מיט צאָרן, וועל איך שטיין און שווייגן.

און זען אַ הויך נאָך דור קורצע טרוימען וועבן,
ווי גראָזן זיך שפּראָצן, גרינען און פאַרוויאַנען;
ווי זאַנגען אונטער קאָסעס פאַלן אויף די לאַנען,
מיט פרילינג זיך באַווייזן, מיטן האַרבסט פאַרשווועבן.
און איך יאָג זיך אין וועט, אין אייביקן שטרעבן
די וועלט דורך צייט און רוים איבערצולעבן.

אַליקוואַט

אַזוי האָב איך געוואַנדערט ביז באַגין
אין וואַלד, פון אָוונטרויט ביז ערשטן טוי,
ביז לילאַ האָט זיך אויסגעבלאַסט אין גרוי
אוןביימער האָבן אויפגעוואַכט אין גרין.

אין מיינע טעג האָב איך געזוכט אַ זין;
געוואָלט פאַרשטיין: וואָס אַלץ איז שוין אַזוי,
אַז ס'קומט מיט זאַנג און גייט אַוועק מיט שטרוי —
און וויפל וואָג איז דאָ אין זאָג: איך בין!

פון מזרח שפּראָצט די זון, נאָר מיט איר ליכט
פאַרטיפט זיך מער דאָס רעטעניש אַרום,
ווייל וואָס די פינצטער האָט געהאַלטן שטום,
שרייט איצט מיט פילקאָלירקן געזיכט:
און הויפט אויף עצם זיינעם סוד אויף סוד,
צעצווייגט זיך ווי פון טאָן — אַן אַליקוואָט.

צום ווענוס־באַרג

וואַלפּורגיס-נאַכט רופט : אויף פערד, מיט גריוועס צעפלאָסן,
פאַלאָשן מכשיפות, אַריבער די צלמים פון קלויסטער :
פון ווייטן לאָקט ווענוס-באַרג, אַן אַנטבלויזטער,
מיט גיהנם-וואַסער זיין קאָפּ אָפּגעגאָסן.

זיי רייטן דורך וואָלקנס צום איינציקן חתן,
סמאל, און לאַשטשען זיך, אין תאווה צעברויזטער,
צו אים, און בעטן : פאַרברען אונדז אין זיך, דו געגרויסטער
דורך זינד, וואָס האָסט אין אונדזער גן אויפגעשלאָסן.

מכשיפות פאַרשטויסענע, פאַרוואַנדלט אין וואַמפּירן,
צו קינדער אין וויגלעך פלאַטערן זיי אַראָפּ,
אין נאָגן אין העלדזער צום לעצטן טראָפּ,
און צינדן זייער בלוט מיט ווילדערע גירן
נאָך פאַלוס-שטוים — און פליען צוריק צום טראָן
סמאלס, ביים דריטן קריי פון פייער-האָן.

אַנדאַנטע

מיט גלייכגילט וועל איך זען דעם ליבן און פאַרהאַסטן
ווען גסיסה בעלמען וועט מיין קוק מיט שטיילן גלייז;
און טויט וועט גליווערן מיין גוף אין שטאַרן אייז —
אַ האָגל גרידעם ליים וועט פאַלן אויף מיין קאַסטן.

געזעגן זיך אויף שטענדיק מיט דעם כשוף-קרייז
און וואַרף אַ בליק פון מיטלייד צו די הויכע מאַסטן
פון שיפן, וועלכע קרעכצן אונטער שווערע לאַסטן
אויף וועלן פון באַשאַף — און זינקען איינציקווייז.

די ערד אַרבעט אָפּ נאָך מיר די וואָג פון מיין געגליד —
אַ טייל צו זיין פון אַלץ וואָס וואַקסט אויף און פאַרבליט;
און מיין נשמה איבער וואָלקנס, ווי אַ ווייסע טויב,
אַרויף צו ווייטע הימלען פלאַטערט און פאַרפליט,
און גרייכט צו בלויע הויכן דורך ליכט פון שטערן-שטויב,
צום קאַמער, וואו די זון פון אייביק לעבן גליט.

עראָטיקאַ

זייטנשטעג

געטראָפֿן האָב איך דיך ביים גרינעם וואַל,
אַליין אַרומגיין אויף אַ זייטנשטעג;
זינט דאַן געוואָרן איז דיין וועג — מיין וועג.
דיין פּנים האָט געשיינט פֿון איבעראַל.

און ווי אַ בוים וואָס לײדט אויף זיך די זעג,
בוקט זיך און וועכנט זיין געצווייג אין פֿאַל —
האָב איך געקניט פֿאַר דיר, מיין זונענשטראַל,
וואָס האָסט מיט ליכט באַגאָסן מיינע טעג...

געדריקט האָב איך צום האַרץ דיין צאַרטע האַנט, —
געפֿילט אַז נאָר איך איינער וויים דערפֿון,
אַז דאָ גיי איך געאָרעמט מיט מיין זון
און שפּרייז מיט דיר אַוועק צום וואונדערלאַנד —
וואו אונטער בלויע הימלען צייטיקט פֿרייד
און גליק וואַקסט אויף וואו בענקשאַפֿט ווערט פֿאַרזייט.

רויטער מאָן

די בענקשאַפט קנאָספּערט אויף מיט ערשטן בלי
און פלאַקערט אויף אין אונדז ווי רויטער מאָן;
אַ פייער צינדט צוויי יונגע הערצער אָן
און פליגל רייסן זיך צום ווייטן פלי.

דעם באַנד פון טרייִשאַפט קריצט אין בלוט דער צאָן.
אויף ליפּן זיגלט ליבע זיך מיט גלי.
פון קושן מידע וועקט אונדז אויף דער האָן —
צו שלאָפן גיין אין בלויִעם אינדערפרי.

מיר וואַנדלען האַנט אין האַנט אין טיפן וואַלד
און קלייבן רייפן זונשיין אויף דער ערד;
אַ זילבערוועל פון וואונדערשפּרודל קוואַלט
און ווייִן אין בלאַנק פון פלאַמען שוימיק יערט...
דער טאָג פלעכט אויס פון שטראַלן אונדז אַ וויג
די נאַכט וועלבט אויס אַ נעסט פאַר אונדזער גליק...

ב.

אין לילאַ־ליכט צעעפֿנט זיך דער בעז
און אָטעמט אויס זיין הויך צום אָוונט־ווינט:
מיין בלוט רייסט אויס זיך פֿון מיין האַרץ און רינט
אַנטקעגן אַנקום פֿון געגאַרטן נס.

דער הימל לעשט זיין זוים אויס און באַגינט
מיט שטערן קלינגען אין זיין בלוי געפֿעם;
מיין בענקשאַפֿט וואַקסט אַרויס פֿון מיר און גרינט
מיט פֿעלדער צו דער טיר פֿון פּרי־מעת־לעת.

אין גאָרטן וואַנדער איך פֿון בוים צו בוים
און האָרך זיך איין אין ווייטע טריט און וואַרט
צו זען מיין גליק, וואָס האָט מיך אָפּגענאַרט,
און ניט געבראַכט צו מיר מיין שיינעם טרוים;
די לבֿנה שפּרייזט אַוועק צום בלייכן ראַנד
און לאָזט מיך דאָ אַליין אין שאָטנלאַנד...

ג.

דער פאַסטוך קאַרבט אין צווייגל שניט נאָך שניט
און גראָבט אין פייפל זיבן קוואַלן טרעל;
ער פערלט שנירלעך טרילערס פון זיין קעל
און פייגל אין די וועלדער זינגען מיט.

די זאַנגען וויגן זיך צום נגון־וועל
און ביימער שווינדלען מיט צעוואַלצטע שריט;
אַרום די צווייגן טאַנצט דער בלויער צוויט;
אין רקוד אַ צעשטראַלטע גייט מיין זעל.

מיין האַרץ פאַרהענגט זיך אין דער הויך און קלינגט
אַריבער פאַרבן־קוויט פון באַרג און טאָל;
און וועקט מיין טרוים צו קומען נאָכאַמאָל
נאָך איידער פרילינג טויכט איין און פאַרזינקט...
אַ שאָף פאַרלויפט; פון האַנט דאָס פייפל פאַלט —
מיין רוף האָט אָן אַ ווידערקול געשאַלט.

ד.

גערעגנט האָט אין שטעטל און געשנייט
ווען איך האָב דיך צום לעצטן מאָל געזען.
ביסט ווי אַ סאָסנע שלאַנק און שמאָל געווען
ווען האָסט מיט טרערן מיך אַרויסבאַגלייט.

דורך מערק און גאַסן האָט אַ ווינט געוויט
און איינגעטויבט דעם הילך פון שנעלע שפּען.
דו האָסט מיך שטיל געפרעגט: פאַרוואָס? פאַרווען?
איך לאָז דיך דאָ און פאָר אין פרעמדער ווייט —

געשריבן האָסטו צו מיר לאַנגע בריוו
און אויסגעקריצט מיט בלוט איעדע צייל;
האָסט נישט געגלויבט אַז אין דער זעלבער ווייל
וואַרט איך ביים האַפן און גאַר אַז אַ שיף
זאָל נעמען מיך און פירן גיך צוריק
אַהין וואו בענקשאַפט רייסט מיט טויזנט שטריק.

ח.

געגרינט האָב איך און פאַר דער צייט פאַרדאַרט,
ווייל קיינער האָט מיין וואַקסן נישט באַהיט;
אויף מיינע צווייגן קנאָספּערט נישט קיין צוויט —
אויף רעגן און אויף זון אומזיסט געגאַרט.

געחלומט אויף דער וואָר און זיך גענאַרט,
אַז אָט קומט אָן אַ שיף און נעמט מיך מיט
צו דיר, מיין גליק. מיין זעל, דערציטערט, פליט
צו קרוינען דיך ווייל האָסט אויף מיר געוואַרט.

נאָר איידער איך דערגרייך דיך וואַך איך אויף
און טרעף זיך אין גערויש פון גרויסער שטאָט;
אויף פעסטן לאַנד שלעפּ איך מיט פּיס מיין לאָד,
און טראָג אַרום מיין מאַטער צום פאַרקויף...
מיין רוקן בויגט זיך טיפער אַלץ אַראָפּ,
און דו טריפסט אויס פון האַרץ מיר טראָפּ נאָך טראָפּ...

דערמאָן

איר פּנים איז מיר פרעמד, נאָר אירע צעפּ,
די גאָלדענע, דערמאָנען מיך אין ערשטן פּלי;
אין פולן עפּלבוימס פונאַנדערבלי;
און צווייט אויף אונדזערע באַרישטע קעפּ.

דער זייגער שלאָגט מיט אומגעציילטע קלעפּ;
פאַרמישט האָט זיך די גרענעץ צווישן פרי
און שפּעט — אין אַ דימענסיע פון ניט־דאָ־הי —
ווער ציילט די פעדים פון אַ טרוים־געוועב?

אַזאַ דערמאָן ליגט אין קאָליר, פאַרקעם
פון האָר; אַזויפיל האָט דערגאַנצט מיין בליק
דאָס בילד, דורך לויפן איבער פאָדים־בריק
צום הרף־עין, וואָס האַלט אין זיין קלעם
איינמאָליק גליק און ווידערט זיך אין וואָר
פאַר אונדז, ווי וויאָנס שניי פון פאַראַיאָר.

דרייקלאַנג

א

אין רויש פון גרויסשטאָטס שטויביקן בייטאָג,
אין סאַמע פליאַנט פון לייבערקנויל, ווען פרעמד,
פאַריתומט, שלעפּ איך מיינע ביינער — נעמט
אַ האַנט מיך אָפּט און פירט ביים נאָנטסטן ראָג

אין אַ באַקאַנטער זייטנגאַס. פאַרקלעמט
ווערט מיר מיין האַרץ פון נאַגלעם איבערטראָג:
אָט איז איר הויז; זי וואַרט — פאַרפּוצט; זי קעמט
נאָך אין געאייל איר שטיפערישן לאָק

אַרויף צום ווילדן, בראָנזענעם געקרויז
פון האָר צעפלאַקערטע אין רויטן גלי
פון מערבֿ-זון. איך לויף צו איר — און זי
צו מיר און... מיטאַמאָל פיל איך אַ שטויס:
„וואו גייט איר, וואו? וואַכט אויף! ס'איז העט קאַיאָר!"
אַ הויך געלעכטער מונטערט מיך צו וואָר —

ב

אַמאָל צעקנייפּ איך זיך מיין פלייש און פרעג:
צי חלום איך מיין וואָר? צי וועל איך באַלד
פון שלאָף אַרויס ווי פון אַ בלינדן וואַלד
אויף סטעזשקעס זיניקע ביים גרינעם ברעג

פון שטילן טייך, אין אָוונטשיין צעשללט?
און ווידער ווי אין יענע זומערטעג
באַווייזט זי פלוצים זיך פון זייטנשטעג —
איר גיכער גאַנג צעוויגט, איר פּנים שטראַלט;

צעפליגלט אירע אָרעמס, און זי פליט
אין מיין אַרומנעם. הורשטיק אין פאַרבענקט
זוך איך די ליפּן אירע; זי פאַרהענגט
איר מויל ביי מיינעם ווי אַ טרויב — און ציט

מיין קאָפּ צו זיך... — וואו איז איר קוש? איר גלעט?
מיין קניפּ רייסט מיך צו וואָר פון הינערפלעט.

ג

און אַז איך ווייס שוין יאָ פון וויסטער וואָר —
איז וואָס? איך גלויב דאָך קוים... און וואָלט דער רים
פון קריעה נאָך איר ניט דערגאַנגען ביז
צום האַרץ און זיך פאַרטיפט פון יאָר צו יאָר,

וואָלט איך געמיינט: ס׳אַ פוסטער חלום גאָר
געווען — אַז יענע שעה, די שוואַרצע, איז
אַן אויסטראַכט בלויז; אַז קברנס שווערע פיס
אויף ראַנדן פון איר אָרון; די ערשטע פּאָר

פאַרקוואַרטע גרודעס ערד; ס׳געוויין אַרום,
ווען זי האָט מיך פאַרלאָזט ביים גיכן שאָר
פון לאָפּעטעס — האָב איך אין אַ קאָשמאַר
געזען. איך ווייס! דאָך זוך איך אומעטום
איר ליכטיק פנים... ביז איך וועל אַמאָל
זי ווידער זען — ביים זוים פון יאָמערטאָל.

שינדלען פון דאַך

שער־און־אייזן

א

אַ קויל האָט פּלוצים זיך צעפּלאַמט אין פּרעס,
אַריין איז מיר אין לינקן אויג אַ פונק;
ווי קומט אַ ליבע צו אַ שניידער־יונג?
איך האָב שוין נישט געגעסן דריי מעת־לעת —

גיב, מאַמע, געלט פאַר מאיר־בעל־הנס
אַז נישט, שפּיי איך פון בענקשאַפט אויס מיין לונג.
דער מינדסטער ביסן בלייבט מיר שטיין ביים שלונג...
וואָס העלפט דיין זאָגן מיר: „מיין זון, פאַרגעס!"

נישט מער בין איך ווי אַ פּאַסטריגע קוים,
וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם קרייד און שטעפּט זיך לויז;
פון מלבוש גיט מען מיך אַ צי אַרויס,
אַ צווייטן פאָדעם לאָזט מען פעסט ביים זוים.
מיין נאָדל טעמפּ, און מיין שפּיניי זיך פליקט...
וואָס טויג מיין טויז אַז יענעם האָט געגליקט?

ב

מיין פּאָדעם האָט פאַרפּלאָנטערט זיך אין שפּאָל
און לאָזט זיך ניט פאַרבייסן אין געשטעפּ —
„האָסט מיך פאַרכאַפּט מיט דיינע שווארצע צעפּ
און מיט דיין בליק געלעכערט ווי אַן אָל״...

„גיב, מלאך, מיר אַ שנעל אין ליפּ, איך זאָל
פון האַרץ מיין בענקשאַפט רייסן מיט איין שלעפּ״...
איך לויף צו איר אין חלום איבער טרעפּ.
קוים זע איך זי... פאַרשווינדט זי מיטאַמאָל.

וואָלט איך געהאַט אַ פולן בייטל מינץ —
וואָלט זי ביי מיר געפאָרן אין קאָליעס;
מיט אָדלערס נאַשפּיץ... ווייך, און אָן אַ טרעס.
זי, מיין פּרינצעסין, און איך בין איר פּרינץ...
דאָס רעדל האָט צעבריקערט זיך אין דריי,
אַ שטאָך אין פינגער וועקט מיך צום געניי.

ג

מיין מייסטער לאָזט מיך מער נישט אויף זיין שוועל
און וואַרפט מיר צו די שכירות פאַר דער וואָך.
צום פעקל צרות, זאָגט ער, פעלט אים נאָך
ביי זיך אין שטוב אַ גולם — אַ געזעל...

וואָס טוט מען אַז איר מויל איז אַ מאַרעל?
טראַכט איך דערפון, פאַרקריכט מיין שער פון שטראָך,
מיין נאָדל מיידט זיך מיטן קנעפּל-לאָך —
דער שטאָף ווערט שטייף אין האַנט ווי אָקסנפעל.

גיי איך מיט שאַנד אַהיים... איז ווי אַ שד
וואָלט מיך געצויגן בייצוגיין איר הויז;
דערזע זי, און מיין האַרץ פאַלט מיר אַרויס,
אַ צווייטער ביי איר זייט קושט זי און גלעט.
און מיין נשמה גיט אַ שאַרפן צופּ —
גענייט האָב איך מיין מזל אָן אַ קנופּ...

ד

דער פידל פלאַמט; מיט טרילערס פרירט דער פלייט;
מיט טוּכלער אַסטמע פּראַכט נאָך זיי דער באַס;
די פּויק מיט טעמפּן הוסט ברויזט אויף די גאַס —
אין צימבל בראָקן פאַלקעס צום באַגלייט.

צו חופה גייט מיין מיידל שטיל און בלאַס,
געאָרעמט מיט אַ פרעמדן צו איר זייט:
און איך שטיי פון דערווייט, פאַרצערט פון נייד,
פאַרוואָס פון ליבע איז געוואָרן האַס.

קאַפּעליע שווייגט. פון ליפּן פאַלט אַ שפּרוך,
וואָס רויבט די זון אַוועק פון מיינע טעג,
בריט אויס אויף מיר דעם בראַנד פון קינס פלוך
און שיקט מיך וואָגלען אויף מיין דאָרנוועג.
אַ גלאָז צעשפּרינגט מיט שערבלעך ביי די שיך;
אַ סטרונע פּלאַצט און רייסט מיין האַרץ מיט זיך.

ח

קלעזמאָרים פּאַקן איין דאָס שפּילגעצייג:
אויף סטרונעס לעשט זיך אוים דער לעצטער קלאַנג.
פאַרשניטן האָט אַ סערפּ מיין גרינע זאַנג;
אַ בלעטל פאַלט פאַרוועלקט אַראָפּ פון צווייג:

„אומזיסט דיין וואַרפן זיך אין זאַטער שטייג —
דער יעגער האָט פאַרשנירט אין זאַק זיין פאַנג;
דו ווייַנסט און זאָגסט, אַז טיף אין האַרץ טוט באַנג —
פאַר גאָלד האָסטו פאַרקנסט דיין זעל; איצט שווייג!"

„געשוואָרן האָסטו מיר ביים ברעג פון טייך,
אַז נאָר מיט מיר וועסטו צו חופּה גיין;
און היינט ביסטו אַוועק אַ פרעמדנס זיין,
און שיידן זיך מיט ווענט פון מיין דערגרייך".
דער סאָוועס שנאָבל זינקט אין פויגלס לייב —
אַן אָרעם שטרעקט זיך צום געקויפטן ווייב.

ו

פאַרהאַקט האָט זיך די טיר, פאַרדרייט — דער שלאָס,
און דרויסן האָט אַרום מיר קאַלט געגרווילט;
פון וווייטאָג האָט מיין האַרץ זיך איינגעקנוילט —
מיין בלוט האָט אויפגעזאָדן פון פאַרדראָס.

„ווער דען, אַז נישט דו איינע ווייסט פאַרוואָס
מיין לייב האָט זיך פון אָטעם אויסגעהוילט;
ווייל איידער האָסט געריפּט, ביסטו פאַרפוילט
אַראָפּ פון בוים צום ווערים־ראַי אין גראָז.

אַ שאָד דיין טרייבן מיך מיט בייטש אין האַנט,
אַז זיבנפעליק פאַנצערט זיך מיין הויט.
דאָ וועל איך וואַרטן ביז דער מאָרגנרויט
באַווייזט דער גאַנצער וועלט מיין וויסטע שאַנד.
דאָ וועל איך בילן מיט די זלידנע הינט
צום הימל, שטערן און צום רויען ווינט".

ז

גערינסן האָט זיך מיטאַמאָל דער שטריק,
און אונדזער חלום איז געוואָרן אוים;
אַ וואָגן איז פאַרפאָרן פאַר מיין הויז —
פון שטוב רופט מיך דער טרייבער מיט אַ טשוויק.

פאָדקאָוועס טופּען אין דער ברייטער בריק,
פאַרטויבן מיר מיין פּיין מיט יעדן שטוים;
מיט צער באַפליגלט שוועב איך גיך פאַרוים —
אַ וואַנדערפויגל, וואָס קומט נישט צוריק.

מיין היים האָב איך אין וואָגל-לאַנד געבויט,
און שלעפּ זיך איצט אַרום אין פרעמדע שטעט;
צוויי מאָל שלאָף איך נישט אין דעם זעלבן בעט —
פון טויזנט אויוונס עס איך מיין דאַר ברויט.
מיט ווינט פאַר ווענט און וואָלקנס פאַר אַ דאַך
פאַרגייט מיין טרוים אין שטויב פון לאַנגן שליאַך.

שינדלען פון דאַך

דער ווינט רייסט שינדלען אויס פון פוילן דאַך
און שטויסט מיט קנוילן רעגן אין די ווענט ;
אין דרויסן שוואַרצט די גאַס פון ענד צו ענד —
אַן אָפּגעראַמטער ווּיסט דער פּוסטער שליאַך.

אין אויוון האָט דאָס פייער אויסגעברענט ;
אַ לעצטער זשאַר אין פריסעק טליעט שוואַך :
דאָס קוילנדרענגל פאַלט פון מיינע הענט ;
מיין קאָפּ אַנדרימלט ; נאָר מיין האַרץ איז וואַך.

און וויכערסווירבלען אויף פון טיפן ברויז
אַמאָליק גליק, ווען זון האָט אויסגעגליט
די טראָפּנס טוי אין בעכער פון מיין רויז,
וואָס האָט מיט טויזנט פאַרבן זיך צעבליט.
דער האַרבסט האָט אַלע פּלאַטלעך אָפּגעפּליקט;
מיין יונגן זומער אויף אַ שלייף דערשטיקט.

אידיליע אין פלאַמען

גליקזועל

דער וואָגן שלעפּט זיך שווער און זינקט אין געלן ליים;
דעם טרייבערס קרומע בײַטש וועקט פון שלאָף די פערד:
אויף פעלדער גרויט דער האַרבסט, נאַקעט שטאַרט די ערד;
אין ריוועס ביי דעם וועג טאַנפּלט פייכטער שליים.

אַ טײַכל רינט לענגאויס, ווערבעס נאָנט ביים ברעג
פּאַראַנגלען אין דער טיף פליאַנטערס צווייג און שטאַם:
אין מערב צינדט די זון רויטע וואָלקנס פלאַם
און שיקט צו ווילדע געגנדן אַ גרוס אין ווייטן וועג.

פון צווישן היגלען שיילן זיך כאַטקעס פון אַ דאָרף:
די לופט איז אָנגעהויכט מיט מיסט און קוילן-טאָרף.
די פּויערים שפּאַרן צו די טויערן ביי דער שטאַל
און צלמען זיך פרום צום קנאַל פון גלאָקנשאַל;
און בעטן: גאָט זאָל שיקן זיי אַ וואַרעם-זאַטן ווינטער;
אַ לאַנג און ערלעך לעבן, און אַ קבר אויפן צווינטער.

יאַריד

פערד רעיען גריבער און קייען איין די צוימען;
חזירים קוויטשען אין די זעק, אָקסן רעווען מיט:
פויערים נאָך שווערע וואָגנס קריכן שריט ביי טריט;
דישלעס מיידן זיך, בוקשעס קרעכצן ביים פידיימען.

דאָרפישע שפּע שטראָמט צום שטאָטישן יאַריד:
תבואה, בולבעס, עפּל, באַרנעס, פלוימען;
באַליעס ביר אין שענקען בלעזלען זיך און שוימען;
און גאַסן טוכלען זיך מיט מעד און אָקאַוויט.

קאָניערם דינגען זיך און פליעסקען אין די לאבעס;
ציבעלעס און קנאָבל קלינגען אויף די קרענץ:
פעדערן פליען פון הינער, קאַטשקעס, גענדז;
סעדעכעס האָנען אָפּ הונגעריקע דראַבעס.
שפּעט, ביינאַכט, ווען מ׳פאַרלייגט די לאָדן מיט שטאַבעס,
דאַנקט מען דעם באַשעפער פאַר דריי סעודות אויף שבת.

זיין צוזאָג

אין שייער הודיען טעמפּע קלעפּ פון דרעש,
און וואַסער שטויסט אין פליגלראָד פון מיל:
פאַרבאָרגן אין טשערעט טרילערט דער גריל;
פון גראָזן אויף דער לאָנקע קוואקען פרעש:

און ווייבער ביי דער ריקע פראַלן וועש
צום ווינט, וואָס ציט פון פעלדער, פריש און קיל;
און טויבן אין די קלאַפּערס וואָרקען שטיל;
און אויף קופּאָלן בלאַנקט אין זון דער מעש:

דאָס שטעטל וויגט זיך איין אין אָונטשיין;
און ביימער שפּרייטן לאַנגע שאָטנס אוים:
די טירן עפענען זיך אין הויז נאָך הויז,
און עולם לאָזט זיך מנחה-מעריב גיין.
נאָר וואו איז היינט די שול? די קלויז וואו איז?
פרעגט דעם, וואָס האָט געכוּרתט מיט אונדז ברית!

אַפּאָקאַליפּס

ביים פּאַלאַץ שטאַרט שוויאַטאָוויד טויב און טעמפּ
און גלאָצט אַכטאויגיק אַרום זיך פון גיפּס,
צוויי מערמל־לייבן גאַפּן אָן אַ פּיפּס
אַרויף צו סאָוועס אויף דעם קוואַרן דעמב.

געוויילט האָט טויט דאָ פון אַפּאָקאַליפּס
באַגלייט פון רייטערס פיר און דאַרן סעמפּ:
און אויסגעפּליקט דעם פּלאַם פון הענגל־לעמפּ,
די ווענט און דיל פאַרשאָטנט אין עקליפּס.

ביים ברונעם צווישן נימפן וויינט אַ סילף
אויף מאַך וואָס קברט שטיינער און געוויקס
און גרייכט צום בעט וואו איבער שווערד און ביקס —
דער סאָקול וואַכט, דער טרייער יאַגד־געהילף.
און טירן וויגן זיך צום ווינט מיט גרילץ —
פאַרפוילטע קינדלעך קאַפּען פון געהילץ.

פון אַש צום צלם

ארום דער כאַטע וואַלגערט זיך דער צוים
און טיר־און־פענצטער ליגן אָפּגעדרייט:
דער הונט, דערשאָסן, פּענדלט אויף זיין קייט;
פון ווינקלען אין זיין פּיסק טריפט בלוט מיט שוים.

דער פויער, אָדם־נאַקעט, הענגט פון בוים:
אויף זיינע אַקסלען סעמפּעס, זאַלבעצווייט,
אין שאַרבן שאַרפן שנאָבלען; גיריק־גרייט
צום זשער, ווען זון וועט שטיין ביי מערב־זוים.

אין מיטן שטוב, אויף קאָפּעס בעטגעוואַנט,
פאַרפּייניקט און פאַרגליווערט שטאַרט זיין ווייב:
איר דרויבל קינד געקלעמט צום שטייפן לייב,
מיט גלייזן בליק פאַרנאָגלט אין דער וואַנט
צום אותו־איש, וואָס האָט קיין לוין, קיין שטראָף
פאַר װערק פון זיין דערלייזטער סטאַדע שאָף.

עשו צו־גאַסט

א

גערומען זיינען זיי מיט האַס אין שטאָט
און האָבן נישט פאַרשוינט קיין יידיש הויז:
אַריין אין שטוב נאָך רויב; מיט מאָרד אַרויס —
און ווייטער אָפּגעשפּאַנט מיט שטראָמען־טראָט.

אין הערצער קאַרליקעס, מיט חוצפּה גרויס —
פאַרשפּיגן היילקטומס מיט שאַנד און שפּאָט;
געשימפּט היכלות און געלעסטערט גאָט,
פאַר שטאַלן — אויסגעקליבן שול און קלויז;

צעטרומערט אונדזער ישוב ביז צום גרונט
און אויסגעראָטעט אינדז מיט לייב און זעל;
געלאָזט ניט מער ווי אַ פאַרשיוון הונט
צו שטאָלצן זיך פאַר מענטשן מיט זיין פעל.
...און קדוש־ברוך־הוא גייט — און פאַרקערט,
פאַרברענט געביין און אויסגעפּליקטע בערד.

ב

מיין זיידע איז געווען אַ שטילער ייד:
געלעבט בשלום מיט דער גאַנצער וועלט;
אַ תּפילה האָט ער קיינמאָל ניט פאַרפעלט
און אַלע מצוות ערלעך אָפּגעהיט.

מיין באָבע האָט באַוואַכט זיין ריין געצעלט
און רעכט געפירט אין בוראס וועג די שריט
פון זין, וואָס האָבן אַרום איר געבליט
ווי איילבירטן, אין שכינה־שיין צעהעלט.

דערפאַר האָט גאָט די אייניקלעך באַלוינט —
אויף זיי אַ בייזן שונא אָנגעשיקט,
וואָס האָט זיי מיטן שורש אויסגעפּליקט;
אַפילו ניט אַ וואַנט אין שול פאַרשוינט —
צו ריכטן תּיקון נאָך דעם פרומען פּאָר:
אַ יאָרצייט־לעמפּל שטעלן אילע יאָר.

ג

כביכול אין זיין הארבעריק זיפצט אַפּ
און לוגט דורך טרערן אויף זיין פרומען לאַם,
וואָס גיסט אַוועק זיין בלוט צום לעצטן טראָפּ
און ברענגט אַ קרבן זיך דורך רויך און פלאַם.

אין קלעם פון נעגל ראַנגלט זיך זיין שטאַם;
די האַק הענגט גרייט צום פאַל אויף יעקבס קאָפּ:
ישראל טרינקט צום דנאָ דעם בעכער סם
און שלינגט אים מיטן שערבל־ברוך אַראָפּ.

„איז דאָס מיין פאָלק, וואָס איך האָב אויסדערוויילט
און האָב מיט חסד צווישן פיינט פאַרטיילט?
פאַר שונאס פייל — זיין לייב געמאַכט אַ ציל?”
...אַזוי האָט קודשאָ־בריך־הוא זיך געפרעגט,

— — — — — — — — —

און אַריך אַנפּין יאָמערט אין דער שטיל.

עם קדוש

די ווסטקייט גרוילט אַרום פון חרובע געביייען
און קלינגט לײדיק אָפּ אין פוסטקייט פונעם מאַרק;
דאָס שטעטל ליגט צעטרומערט פון פייער און כלי־זין,
פון מאָרד דורך שונאס האַנט, וואָס גאָט געמאַכט האָט שטאַרק.

און קופּעס אַש און ביינער טורעמען צו אַ באַרג;
נאָך בלאָנקען דאָ אַרום פאַרדושעטע געשרייען
פון זקנים פאַרפייניקטע, געבויגענע אינדרייען,
פון פרויען אומגעקומענע פון שענדונג און געוואַרג.

אַ גאַנצע עדה קדושה איז אָפּגעמעקט געוואָרן;
און נאָר דער אַלטער שמש איז לעבעדיק געבליבן
חצות צו וועקן די, וואָס גאָט האָט אויסגעקליבן
צום אויסדערוויילטן פאָלק, צו גלות און צו צאָרן:
„עם קדוש, שטיי אויף!" — הילכט דורך גאַסן פאַרשטאַרטע, —
און גיי לעבודת הבורא, כי לכך נוצרת."

טויער אָן ריגל

פאַריתומט וואַיעט אונדזער בית־הקברות,
אָן איין מצבה, ווייל דעם שונאס ציין
דערגריזשעט האָבן זיך ביז צום געביין,
אַוועקגעשלעפּט אין זיינע טמא נאָרעס

קרקפתאָס פון של ראש געקושט. עטרות
צעפּלאָכטן, וואָגלען צווישן שטיקלעך שטיין,
וואָס האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט שטאָטס געוויין,
מיט תפילות פון אלמנות און עקרות.

וואו איז דעם צדיקס היל? נישטאָ קיין ציגל.
די קוויטלעך פליען ערגעץ מיטן ווינט;
אין קברים פאָרפלען זיך בעזפּאַנסקע הינט;
בית־עלמינס טויער הפקרט אָן אַ ריגל.
שוין לאַנג, אַז עשו האָט צערויבט דעם פלויט —
און יעקב האָט קיין רו נישט נאָכן טויט.

אויסגראַב

פון עברם נעפּל שטרעקט אַ האַנט זיך אויס
צו מיר — און זוכט מיין מוח: אויפצואוועקן
זכרון פון גן־עדנס שלאָף, אין שרעקן
מיט אָפּגעפּליישטע נעגל ביז צעגרויז

פון ביינער. „עבר מיינער, זאָג: ווי גרויס
און טיף ביסטו, אַז פון אַזויפיל עקן,
אומאָנגעזאָגט, קומסטו אַנטפּלעקן
פאַרשטופּטע שאַנד מיט שרייאיקן אַנטבלויז?

וואָס קעגנווארטיקסטו פאַר מיר באַדויער,
אַ שוואַרצן, וואָס פאַרשוואַרצט נאָך מער די נאַכט
אין מיר? האָסטו אויף אייביק צוגעמאַכט
אויף פריידיקן דערמאָן דיין שווערן טויער?
וואַקסט טאַקע גאַרנישט מער אין יענעם לאַנד,
פון וואַנעט שטרעקסטו צו מיר דיין קוואַרע האַנט?"

***

די וואָך וואַרפט אָפּ די גרויע טעג ביים תחום
און שטראַלט אַריין מיט שבת אין דער שטאָט.
מיט חדווה ציטערט אויף די עירוב־דראָט,
און וועלדער ליכטלעך וואַקסן אויס אַרום.

צעבליט זיך יעקבס עדה ווי אַ בלום
און פּערלט זיך אין שיין פון שכינהס גנאָד.
מלאכים ריקודן אין קאַראַהאָד:
הנך יפה... ביסט שיין, ביסט אָן אַ מום.

לכו נרננה... לאָמיר זאַלבענאַם
צום בורא זינגען אונדזער היים געבעט:
דערבאַרעם, האַר, זיך אויף דיין פרומען שטאַם
און שלום שיק אויף אַלע דיינע שטעט.
באַגוף אונדזער געביין מיט פלייש און בלוט
למען דיין שבטם פיין... שין־דלד־יוד.

סאַטיריקאָן

הייפל שטויב

אַ הייפל שטויב פאַר טריט פון פיס מיליאַסן
און דאָך האַלט איך זיך גרויס! פון קאָפּ ביז זויל
איז איך און איך און ווידער איך: מיין מויל
זינגט שבחים מיר אַ ים, אַז געטער בלאַסן.

אַ ביסל שטויב — ווי רעכט מיר איז און וואויל
צו טרעטן צווייטעם הערצער מיט אָבצאַסן;
און גרייט צו זיין פאַר הערשאַפט צו פאַרקנסן
מיין זעל צום טייוול, איידער איך צעפויל...

אַ שטויביק אָפּבילד; אַ געבאָרגטער שאָטן —
ווי גדלותדיק איך בלאָז פון זיך, ווי פרעך!
פון מיר אַ וואָרעם וואָרט — אַ שטריק פון פעך;
און ווי אַ האָר פון מילך — פון יענעם שפּאָטן.

אַ רעשטל שטויב אין ווינט... וואָס בלייבט דערפון?
אַפילו ניט קיין שאָטן אין דער זון.

זעלבסטקרוין

אַ פּלוי די גרויס, און ווי אַ טיגער פּרעך,
האָט ער מיט שטאָלצקייט אָנגעפּיילט זיין בליק;
ווייל וועלט האָט ניט דערלאַנגט אין צייט דעם קניק,
האָט ער פאַרפּוילט די לופט מיט קאַליעס דעך.

זיין ברוסט באַפּוצט מיט שטיקלעך גלאַנציק בלעך
און האָט געזויגן בלוט מיט רים און פּליק ;
דער גאַנצער ערד האָט ער דערקלערט אַ קריג :
געוואָרפן זיך אויף אַלץ, מיט קניפּ און שטעך.

איצט האָפּקעט ער אַרום פון גליד צו גליד ;
און, וואו ער בייסט, פאַררויטלט זיך דער אָרט :
ער גליטשט זיך דורך, און איז באַלד דאָ באַלד דאָרט ;
ער קריכט, ער גייט, ער לויפט, ער שפּרינגט, און פליט.
און דאָך וועט ער אַבאַלד אריין אין פויסט —
אין קלעם פאַרגיין, פאַר האָבן זיך געגרויסט.

אַריוויסט

דו בויגסט אָן צו דער ערד דיין ווייכן קריזש
און קריכסט צו גרויסלייט אויף דיין שלאַנגענבויך:
די שטיוול לעקן די, וואָס זיצן הויך,
און קריזשקעס שלינגען פון דעם רייכן טיש.

פאַרנויגסט דיין קאַרק צום אָפּגאָט פלעדערוויש
און שטרעקסט דיין האַנט נאָך ברעקלעך פאַר דיין בויך.
„אין בלאָטע וואַלגער זיך, אין עקל טויך.
חניפה רייד און סם מיט סלינע מיש!״

ווי ביטער איז, ווען דו דערגרייכסט דעם שפּיץ
און טרוינסט אַריבער דיינע האַרנם קעפּ,
דאַן קאָפּעסטו אַראָפּ פון דיינע טרעפּ
אַ מויל, וואָס קומט זיך בעטן ברויט און גריץ;
ווייל אַלע זיסע ריידלעך קענסטו שוין
און דאַרפסט נישט קיין באַזינגערס פאַר דיין קרוין״.

סקערצאָ

אַזוי איז ניחא מיר: נישט זען קיין גוטס
אין קיינעם, נאָר אין מיר — אין מיין רמ״ח
ושס״ה; ווייל איך, שריי איך, בין פול מיט שבח
ביז איבערפלייץ; ווייל איך בין אַלץ — אַחוץ

מיר מיינט נישט קיינער: קוקט! אַ שטערן־טוץ
פאַרנויגט זיך פאַר מיין שיין: און אַט פאַרמאַך
איך מיינע אויגן, פינצטערט אַלץ — קיין שפּראַך
פאַרמאָגט נישט יענע לויב פאַר פלייש־און־בלוטס

אַ מויל צו פורעמען מיט וואָרט אַ בילד
פון מיר. — אַ מעשר מן המעשר בלויז,
אַ מיל־מיליאַסטל פון מיין גאַנצער גרויס,
וואָס האָט זיך אין אַ וואָלקן איינגעהילט,
אַנטפּלעק איך פאַר דער וועלט — אַז קיין בר־נש
זאָל אין מיר, זון, נישט וואַנדלען זיך אין אַש.

אַפילו סאָקראַטעס

א

אויב ווער פון אייך דאָ וועט מיין פלאַטאָן זען,
טאָ זאָגט, אַז איך, סאָקראַטעס, זוך אים אום.
איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל אָן אים ניט צום
סימפּאָזיום גיין — אָן אים, זיין טינט און פען,

אָן זיין עקסטאַז, געדולד, איז בלויז אַ זשום
מיין וואָרט-געפלעכט פון מענטש און גאָט. איז ווען
ער האָרכט און גאַפט, צעפּעכערט זיך מיין ברען...
איך ווער אַ זון: און איר — קליפּת השום...

האָט ווער אין פלאַטאָס ביכער מיך באַזיגט?
אַז איך זאָג טאָג אין מיטן נאַכט, איז טאָג
ביי אַלעמען — אין פלאַטאָס דיאַלאָג;
מיין „יאָ" שאַרט זיך צו „ניין", און „אפשר" וויגט
זיי אין מיין האַנט. — און איך, סאָקראַטעס, שפּיל
דעם „יאָ-ניין", און געווין... ווייל פלאַטאָ וויל!

ב

סאַקראַטעס, גיי אַהיים! לאָז נאָך מיין לאַץ!
גענוג געחקירהט צווישן „ניין" און „יאָ".
פון וואַסערזייגער טריפט אַ שפּעטע שעה;
קסאַנטיפּע קומט. בלייב שולדיק מיר אַ זאַץ —

אַניט וועט זי דיך ווי אַ קיטנע קאַץ
באַוויינען: „זע נאַר אים; ער פּלוידערט דאָ —
און איך? אַ טאַטע ביסטו צי?... אַ קראָ
שפּייזט דאָך איר דרויב! און דו?... אַ הויז, אַ זאַטס,

האָסטו מיר צוגעזאָגט; און איצט? איצט שלעפּ
איך אַלץ אויף באַרג. מיין קצב שרייט, אַז אויב
מיין מאַן גייט הפקר, מעג ער עסן שטויב;
אַז איך, דיין ווייב, בין מער ניט ווערט ווי קלעפּ,
אויב איך דערלאָז אַזוינס. נו, קום! גענוג,
סאַקראַטשיק! ווייז קסאַנטיפּען ווער ס'איז קלוג —".

ג

נו זאָגט: איז טויטשטראָף ערגער פון אַזאַ
קסאַנטיפּע? איז אַ חידוש וואָס איך בין
געשטאַנען אין געריכט, געשניצט אַ קלין
נאָך קלין צום דעק פון טרונע — שטיל און שאַ —

ווי ניט פאַר זיך? מיין כנופיה שרייט: „הוראַ,
סאָקראַטעס! ווייז איצט ווער איז ווער; פאַרשפּין
דיין פּראָקוראַטאָר אין זיין נעץ; געווין,
ווי פלעגסט אין פלאַטאָס ווערק!״ — איך שווער ביי פּטאַ

און רא — אַפילו ביים אָלימפּ — אַז מיר
איז רעכט מיין פסק! און אויב איר מיינט, איך מאַך
אַן אָנשטעל בלויז צו קריגן נאָך אַ שבח
פון פלאַטאָן — זעט: ניטאָ קיין וואַך; די טיר
שטייט אָפן... דאָך בעסער איז צעקלאַפּטער סם,
ווי ביי קסאַנטיפּען זיין אַ מאַן — אַ לאָם!

מיקראָקאָסמאָס

באַהאַלטן האָב איך זיך אין עולם־קטן,
און האָב די טיר פֿאַרמאַכט אויף דעם אָרום —
ווייל בעסער איז מיר אין מיין ענגן תּחום,
ווי חוץ לעירוב, צווישן בלינדע קראַטן,

אין זון, וואו קאַרליק גרויסט זיך מיט זיין שאָטן,
און פֿסלט בלויז ביי אַנדערע זיין מום:
זיין האָרץ איז זינדיק — און זיין מינע פֿרום;
באַשפּריצט מיט הייליק וואַסער מעשׂי־שׂטן.

האָב איך אין קאָסמאָס אויסגעהוילט אַ וועלט
פֿאַר זיך, אַ קליינע: מיטגעבראַכט אַהין
פֿון דרויסן אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט און זין —
און איינגליכט האָט דאָ פֿאַר מיר צעהעלט
דעם עולם־קטן מיינעם, וואו איך לעב —
און האַריזאַנט צעוואַקסט מיט מיין געשוועב.

אייגנליכט

אויף שאָל פון אַל־וואָג

מיין פּנים האָב איך היינט צום ערשטן מאָל
באַגעגנט — נישט אין שפּיגל: אומגעריכט
אַ בלענד געטאָן האָט אימעצנס געזיכט
פון פלייש־קנויל. האָב איך זיך דערפילט פון צאָל

אַן איינס, וואָס ווידערט זעלביק זיך אויף שאָל
פון אַל־וואָג, ווי אַ נול פון נישט־געוויכט.
אין דאָך — האָט גרעזל זיך גראָד איינגעאיכט
און מיינט: מיין גרינקייט גרינט דעם גאַנצן טאָל.

און איך האָב אויך געגלויבט, אַז איך בין אַקס;
אַרום מיר קרייזט באַשאַף: האָט פּלוצים וואָר
אַ בליאַסק געטאָן — מיין איינרייד לאָזט ווי וואַקס
און טריפט אַריין אין מאסק פון דור ודור.
מיין בילד דערזע איך, ווי אין טייך דער בוים
זיין אָפּשיין זעט — אין קלויץ פון שליים און שוים.

אויסגעזעגטע ביימער

פאַרלאָרן האָב איך זיך אין מענטשוואַלד,
וואו אויסגעזעגטע ביימער גייען אום
און טרעפן זיך — ווי העלצער — טויב און שטום
און גריסן זיך ווי שאָטנס, פרעמד און קאַלט.

געזוכט האָב איך מיט בענקשאַפט אומעטום
דעם שפּרודל, וואו געטרייע פריינטשאַפט קוואַלט;
געטראָפן האָב איך הערצער, יונג און אַלט,
פאַרבאָרגן זינדיק — און פון דרויסן פרום.

געוואָגלט זיך אַרום — אַ זלידנער גר:
אַ טיר געגאַרט זאָל אויפגיין פון אַ הויז;
דורך לאָדנס דרינגען בליקן בייז אַרויס
און שלעסער הענגען שטייף פון ראָסט און שווער —
און קיינער האָט מיין וואָיען ניט געשטילט,
ווען טיף אין האַרץ מיין בלוט האָט זיך צעבילט.

אַכלאַפּאַביע

אַ בוים אין וואַלד — צו זיין אַזוי אַנטבוימט
אין פּנימלאָזן כלל: אויס איך; אַ נול
אָן היקף, ווען פון עגאָס איבערפול
אין דראַנג צום בלי ווערט אָפּגעשוימט

דער זרעס ברויז ביז מילדן פלאַך. אויב טרוימט
אַמאָל אַ בין צום תחום אַרויס פון אול,
דערוואַכט אַ פלי אין איר. אַ בוים? זיין גבול
איז וואו ער וואַקסט מיט וואַלד אַרומגעצוימט.

אַ בוים אין וואַלד — און מוז מיין גרינע קרוין
פאַרלירן אין אַ בלעטערנעם געבלענד
פון פאַרב. און טרעפט אַ בליץ, און עדה ברענט,
בין איך געהילץ — און ווינט שפּרייט איבער פלוין
מיין אַש. און שטאַרב נישט א י ך, אַ בוים; נאָר לעש
זיך אויס אין מ י ר פון וואַלד — אין מאַסן־יש.

צו זיך

אַנטלויף אין זיך אַריין, צום סאַמע טיף,
און פֿאַנצער זיך אין פֿעסטע פֿעלדזן איין;
געראַם ווערט דיר די וועלט מיט זיך אַליין:
דו ביסט אַליין דיין ים, דיין קאַפּיטאַן, דיין שיף.

דיין רודער שפּאַטעט נישט אין שטרויכלשטיין,
צעקרישלט אין דיין שווים דעם האַרטסטן קליף;
אין לויכט־טורם צאַנקט דער קנויט ביים לעצטן טריף —
און דיר ווייזט אָן דעם וועג דיין ד י י נ ס ט ע ר שיין.

און קנאה שטויסט מיט כעס אין דיינע ווענט,
און חוצפה איבער דיר בלאָזט זיך און גרויסט;
חניפה ביילט איר צונג אין שטייפער פויסט,
מיט טויזנט פלאַמען האַס אַרום דיר ברענט.
נאָר דיך גרייכט קוים דער רויש פון ווייטער שלאַכט,
ווען אין דיין בורג הערשט שלווה טאָג און נאַכט.

פה נטמן

ווען מיר ווערט נמאס מיין שילדקרעטנע היל,
וואו איינגעסביבהט ווי א וואָרם אין כריין,
האָב איך אין טערפקייט אויסגעקייט מיט ציין
א וואוין, שטעק איך אַרויס מיין קאָפּ. — דערפיל

איך באַלד א קעלט, און הער א בייז געביל
פון מיילער טויזנטער אַרום א ביין
א טרוקענעם: און דאָך וויל גרויס ווי קליין
פאַרכאַפּן אים פאַר זיך אַליין. — דער שפּיל

ווערט צאָרניק, רייסיק-בייסיקער — א קנויל
פון לייבער בלוטיקע, וואָס פליקט און פרעסט
זיין אייגן פלייש אין קאַמף פאַר מאַרנער קעסט
אויף ערד. — דערזען אַזאַ קאַשמאַרנעם גרויל
פאַר זיך, פאַרגראָב איך זיך אין כריין צוריק
און חלום מער ניט פון קיין גרעסער גליק.

אין וואָר־טרוים

איך פלאָנטער זיך אין בלאָנק פון טרוים און וואָר
און הענג פאַרקרעמפּט צום שנור פון שטייפע טעג;
די צייט פאַרבלאָזט מיט האַרבסט מיין גרינעם שטעג
און זייט אוים אינדזולען שניי אין מיינע האָר.

מיט קברים בערגלט זיך געדיכט מיין וועג,
בית־עולמס וואַקסן אוים מיט יעדן יאָר;
צום אויסלאָז שווימט אַוועק דער אַלטער דור —
אַ נייער בינדט זיין שטאַלצע שיף צום ברעג.

אין גיכן שווינדל־ראָד האָט מיך פאַדרייט
וואו שאָטנס מינען זיך מיט שפּיגל־שיין,
וואו פרייד שטראַלט אויף אַ וויַיל און באַלד פאַרגייט,
פאַרעקשנט אייביק עגבערט ווילדער פּיין.
ווען רייס איך אויף דעם באַנד, וואָס האַלט געשמידט
מיך צו דער ענגער שטייג פון מיין געגליד?

אַלטער עגאָ

אַמאָל שטעל איך זיך אָפּ אין מיטן גאַנג
און פרעג זיך: — ס'אַ אויסגעטראַכטער העלד
אויס עפּעס אַ ראָמאַן פון „שטורם־און־דראַנג"
האָט זיך אין מיר פאַרקערפּערט און פאַרזעלט?

ווער האָט געחלומט אים? ווי לאַנג
האָט ער פון אות צו אות געוואָגלט — אין וועלט
פון שאָטנס — ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט
ביי מיר און איבערוועלטיקט מיין געדאַנק,

זיין ווילן נאָך מיין פלייש און בלוט געשטרעקט
און איינגעדיבוקט זיך אין מיר? — איצט בין
איך פון מיין אייגן לייב האַלב־אויסגעמעקט,
און שפּיל אַ פרעמדנס קאָן: פאַרליר, געווין
פאַר אים. ער נעמט, ער צאָלט; — איך וואַרף נאָך אויס
די קאָרט פאַר אים — מיין העלדס אַ ראָבאָט בלויז...

בחירה

א כוח — גאָט און אפשר סמך מים —
האָט צעל נאָך צעל געציליעט אויף א פּאָדעם
און אויסגעשטריקט פון זיי א לבוש פאַר אדם;
אין אים אַריינגעהויכט דעם ברויז פון שם

המפורש — גאָטס צי סמס? — פאַרענגט אין קלעם
פון דעם תרי״ג; געדרייט אין קאַראַהאָד אים
פון עשה־לאָוו און אַלערליי פּחדים;
צעציטערט אים ביז איכס פונאַנדערנעם.

האָט ווער אַמאָל לאַווירט אויף דעם געהאָרן
פון אור־דילעמע: גאָט צי אומגאָט? — איז
תמון אויף אים אַרויף; מיט ווילדן צאָרן
צעפליקט ביז צעל. בלויז דאָ און דאָרט א ריז
האָט זיך, צום דנאָ, באַרוישט מיט ספקס כום —
געזוכט אי גאָט אי ס״ם אין זעלבן אום.

אַבליוויאָן

אַזוי איז וואויל מיר: בלייבן אַ מצבה,
די סאַמע־לעצטע פון אַן ערשטן דור;
אַז ווען די וועלט וועט איבערגיין פון אור
צו חושך — זאָל קיין צווייטער זר־הטבע

פון מיין פּאָרזיי, דורך זכר און נקבה —
נישט אונטערגיין מיט איר פאַרגאַנג: פאַרוואָר!
אין יענער לעצטער שעה פון האָר־און־קאָר
וועל איך — און קיינער אין מיר —זיין די תיבה.

ווייל מיר איז קלאָר: קיין ווייטסטן עתידם אויגן
וועט נישט אַנטפּלעקן זיך מיט צוזאָג — גאָט;
ווייל נייער מבול שווענקען וועט ביז צום יסוד —
און הימל וועט ניט זען קיין נייעם רעגנבויגן —
איז אויב אַזוי, שלים איך דעם ספר צו
אויף טויער פון תרי״ג, אויף פּרו ורבו.

איכלאַנד

אין בלויעם איכלאַנד, נאָנט ביים האָריזאָנט
פון שאַרבנס הימל, שפּראָצט פאַר מיר באַגין,
ווען דרויסנס זון פאַרגייט פאַר גאַנצן מין
אנושי. יאָגט המון, באַאויגט, דורך בלאָנד

ווי בלינד, און זינקט אין זומפּ: האָט קוים געאָנט
פון זיבנזוניק ליכט אין א י נ ס ט ן אין;
פון שטעג באַלויכטענעם צו צווייידייטס זין
אין אַטאָמס ברויזלמאָס, געקוואַדריליאָנט

צום יחיד־איך. — מיר ליכטיקט, ווייל קיין שנור
פאַרנאָפּלט מיך צום חוץ, צו כּלל מאַטריקס:
צום ספק־ווערט פון פּנימלאָזן איקס
עקווירט אין העלם־שם, אָן מינדסטן שפּור,
פאַרווישט האָט מיך קיין פאָרמולע — אין וועג
דורך איכלאַנד, אונטער שאַרבנס בלויע טעג.

האַרבסטגרוי

טרערן־שריפט

דער רעגן קלינגט זיין אומעט אוים אין שויב
און רינט אראפ מיט שטרייפן טרערן־שריפט ;
דער לאנגווייל קאפעט אפ מיט גרויער גיפט
און קנעט אין הארץ א זומפ מיט פוילן שטויב.

דער דרויסן ווייקט און מרה־שחורה טריפט
און יאוש דרייט ארום זיך שטום און טויב;
און עלנט ווי אן אקס ביים פוסטן זשלויב
אין טונקלען טראכטן האט זיך שווער פארטיפט.

דער אוונט זינקט אין ברויז פון כוואליעס נאכט
און פינצטערט אוים אין מיר איעדן שיין ;
מיין ספקות האט מיט טרויער אויפגעוואכט
און איז פארגאנגען זיך אין שטיל געוויין...
פארצווייפלט האט דער זייגער אויסגעצוועלפט
און האקט מיך אויף מיין הארטן טאג אין העלפט.

ווידערוויקס

פֿון פֿעלדער יאָמערט נאַקעטקייט פֿון שניט
און קנוילן דאַרשטרוי מיט פֿאַרוועלקטן היי
כאַפּט אָן דער ווינט און קרויזלט אין געדריי
און קערט אַרום דעם זומערס לעצטע טריט.

מיר שפּרייזן איבער סטעזשקעס זאַלבעדריט:
מיין אומעט, האַרבסט — און איך באַגלייט פֿון זיי,
און איבער אונדז הויך וואָלקנס גרויען בליי
אַ סטאַיע ווילדע גענדז צום דרום ציט.

אַרום איז וויסט... אין האַלדז שטיקט מיך געוויין
ווען איך דערמאָן זיך, אַז אָט ערשט נישט לאַנג
האָב איך געפּיקט דאָ זערנעס פֿון אַ זאַנג,
געגלויבט מיין זון וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגיין;
איצט בלאָנק איך צווישן ווידערוויקס און זוך
מיין גליק, וואָס האָט צעבלאָזן זיך ווי פּוך.

בלאַט פֿון לוח

פֿון לוח פֿאַלט אַראָפּ דער לעצטער טאָג
און וואַלגערט זיך צעקנייטשט ביי מײַנע פֿיס.
דער אָפּגרונט ברייטערט אויס פֿאַר מיר זיין ריס
ביים טיפֿן ראַנד פֿאַרהענגט אין האַרץ דער שלאָג.

מעת-לעתן וואַרפֿן אָפּ ביים ברעג די וואָג
און קייקלען זיך אַוועק ווי הוילע נים —
די צייט צעקנאַקט זיי מיט איר האַרטן בים
און שפּייט די שאָלעכץ אין געאיילטן יאָג.

מיין וועג האָט זיך מיט ברוכוואַרג אָנגעהויפט;
אַן אָפּגעפֿליקטער שאָטן גיי איך אום
מיט שרעק אין בלוט. און פֿיל אין זיך דעם טלום
פֿון וואָרן טויט וואָס האַלט מיך צוגעשרויפֿט,
און שניידט אין סאָמע בלי מיט איבערראַש
פֿאַרוועלקט, פֿאַרדאַרט מיך, און צעמאָלט אין אַש.

אַ יאַגד

פאַרצוימט בין איך אין חלום, אָן אַ וועג
אַרום. אַ יאַגד גייט־אָן אויף מיר אין וואַלד:
איך לויף, איך מעק די שפּורן און באַהאַלט
זיך אויס פון טויט, וואָס קומט מיט יעדן שטעג.

אַ בייזע בילעריי — אַ האָרן שאַלט,
און ענגער רינגלט מיך אַרום די שרעק;
מיט לאַנגע ביקסן און אין גרינע פּרעק,
נאָך זשעדנע שפּירהינט שלייכן יעגערס. באַלד

אַ שאַרפער פייף. פון רימענס שפּרינגען ציין
אין לאַפּעס; און פאַרקלעמען מיך אין צוויק
פון וואונדן, דורך מיין פלייש ביז צום געביין:
און צינגען לעפלען זיך נאָך בלוט. אַ בליק
נעמט מיך אין ציל. אַ שאָס קנאַלט אויס; אַ רויך —
אַ ברי אין האַרץ... איך פאַל אָן ענד פון הויך.

מילשטיין

טעג קאָוועז זיך צונויף אין שטאַרער וואָך
און רינגעז מיך אין ענגע רייפן איין;
די קלעמען שטייפן מיך ביז צום געביין;
מיין האַלדז ווארגט זיך אין דרוק פון שווערן יאָך.

דעם צוים האָב איך אין מויל פאַרלייגט אַליין
און בין אַליין דער טרייבער, בייטש אין פאַך:
מיין לאַסט שלעפּ איך אַוועק צום גרוב און שטיין,
מיט אָפּגעמעקטע צייכנס אונטער מאָך.

ווער האָט באַפוילן, אַז דער קורצער וועג
פון לייב צו שטויב זאָל פירן דורך אַ הייל,
וואו אין דער פינצטער לויערט בייזע שרעק
און טרייבט אָן אויפהער מיך אַ מייל נאָך מייל
אַראָפּ צום אַנהויב־ענד אין שאָטנטאָל
פון אַש צו ווערן ווי־פּלייש נאָכאַמאָל?

סאָווע אויף נעסט

דורך פּוסטע פּלוינען ציט אַ רויער ווינט
און שאַרט דעם האַרבסט אויף סקיבעם קוואַרער ערד ;
געקעפּטע הילזן שטרוי מיט וואָרצל-בערד
דערמאָנען, אַז דער טרוים האָט אָפּגעגרינט.

אין שטומען טרויער וועלקט דער וואַלד ; און טרערט
מיט בלאַט נאָך בלאַט אין שפּור, וואו בלי פאַרשווינדט:
אויף צווייגן האָט זיך גרוי-וועבס אויסגעשפּינט;
אַ סאָווע וויגט זיך אויף איר נעסט פאַרקלערט.

איך וואַנדער איבער פעלדער און מוז זען
ווי טאָג צאַנקט אוים, מיט שאָטנס פאַלט נאַכט צו :
דער זומער שלייכט אַוועק מיט וואַכע שפּען ;
טראָגט וועלט אויף זיינע אַקסלען אָפּ צו רו —
אַ שטערן אין די הויכן רייסט זיך אָפּ
און פאַלט מיט שווערן אָנזאָג אויף מיין קאָפּ.

ביים דנאָ

ווען העק צעשפּאַלטן האַלץ, בין איך דער שפּאָן,
וואָס רייסט זיך אָפּ פון שטאַם און פליט אין שטויב;
ווען נעסטן וואַקלען זיך, בין איך דער דרויב,
וואָס פאַלט פון בוים צו זשער פון נאָגל-צאָן.

ווען זיגער צווישן זיך פאַרטיילן רויב,
בין איך דער מינץ, וואָס וואַרפט זיך דורך אין קאָן:
ווען אָדלער אין די פעלדזן נעמט זיך אָן
מיט גיריקייט נאָך בלוט — בין איך די טויב.

איך בין דער וואָרעם, וואָס קלעבט צו ערד און קריכט
דורך שווערע פּים און פּלאַטשיקט זיך צום דיל:
און ווינקט אַמאָל ביינאַכט צו מיר אַ ליכט,
און ווייזט די טיר אַרויס פון מערדערשפּיל,
קומט אָן אויף מיר אַ האַנט מיט שטייפע שטריק
און שלעפּט מיך אין דעם טויטנטאַל צוריק.

מידת־הדין

דער ריכטער גרײמט זײַן פּסק אין גרויעם הויז;
און הענקערס ציִען העלדזער אויפֿן שלייף:
די שווערד שוועבט איבער קעפּ מיט קאַלטן פּייף,
פֿון לײַבער רײַסט זיך יונגער אָטעם אויס.

פֿאַרהאַמערס טײַטלען פֿינגער, שטאַלץ און שטײַף,
און האַקן אויס אין לעבן בלויז נאָך בלויז;
פֿאַרבלוטיקט קערן אום זיך הענט פֿון שטויס
און רייניקן די פֿלעקן אָפּ מיט זייף.

מיט גלײַכגילט קרײַזט די ערד די זון אַרום
און בעטלט שטראַלן פֿאַר איר מערדער־רײַך;
אַ וואָלקן הייבט זיך אויף פֿון ים און טײַך,
באַרעגנט יעדן וויקס אין ווײַטאַגטום.
דער אָדלער יאָגט זיך גיריק נאָך דער טויב —
און בײדע דעקט טויט צו מיט שוואַרצן שטויב.

ווידעראַמאָל

מיט אויפגעשפּיזט געהער, אין האַנט אַ ביקס,
בין איך געשמידט מיט קייטן צום באַפעל:
און ווי אַ שאָס קנאַלט אויס אַ היק פון קעל —
דערמאָנט: איך בין ניט מיינס; איך בין דעם קריגס.

„זיי וואַך, זיי שטרענג און איבער אַלעם שנעל!
געניטער האַנטס איז אַלץ; די רעשט איז גליקס.
דו זיי פאָרויסגייענס העלד, און ניט צוריקס!
אין פייער שפּרינג! וואָס טראַכסטו? זיי ניט געל!"

די קנאָכן שניצן זיך אין שטיקלעך האָלץ;
און פעדים ציליען זיך דורך איטלעך גליד:
אַהין גיי איך, וואוהין מיין מייסטער ציט...
און ער? ער קוועלט פון מיר, און פּסקנט שטאָלץ:
„ר'איז גרייט!" און שטאָפּט מיין פלייש אין מויל פון פראָנט,
וואָס מולכדיק צעפראַלט — מאָנט און מאָנט.

דערפילט האָב איך דעם קאַלטן הויך פון טויט
ווען אויסגעשאַלט מיט פראָסט האָט זיין באַפעל:
„נשמה, גיי אַרוים פון טיפסטן צעל
און ראַם אָפּ דאָס געצעלט דו האָסט געבויט".

דער זומער צאַנקט און בלעטער דאַרבן געל
און האַרבסט לעשט אוים דעם פלאַם פון מאָרגנרויט;
מיט היגלען שניי דער ווינטער בלייכט און גרויט
און שפּרייט תכריכים ווייסע צו מיין שוועל.

און מיט הכנעה בויג איך זיך צום רוף,
מיין אָטעם גיב איך אָפּ צום גיכן שניט,
און שייל אַרוים זיך פון מיין ענגן גוף
אויף שטערן־סטעזשקעס לענק איך מיינע טריט...
די שווערד שפּרינגט אָפּ און שליסט אויף מיט איר שאַרף
דעם היכל וואו צום נאַכטווינט קלינגט מיין האַרף.

אויסלאָז

שטומע שפּראַך

איך האָב זיך אומגעקוקט, — דערזען אַז האַלב
פון מיינע יאָרן וויאַנען אויף דעם שליאַך,
אַז אויף מיין לעבן גיט זיך אַ פאַרמאַך —
פון מיין תכריך דער ערשטער בלייכער פאַלב.

האָב איך זיך איינגעקאָרטשעט ווי אַ שוואַלב,
וואָס טרעפט נישט מער איר נעסטביים סקאַפּ פון דאַך:
מיט יוגנט זיך צעשיידט אין שטומער שפּראַך —
ווי קו באַגלייט צום חלף-שניט איר קאַלב.

און עלטער הויבט אָן קריצן מיט געקנייטש
פּה נטמנם טיף אין הויט פון מיין געזיכט,
און שטופּט צום גרוב, און באַרג-אַראָפּ פאַרגיכט
מיין שנעלן פאַל אַהין, וואו האַר און בייטש
פאַרשווייגן שריי און פאַך, וואו צווישן ווענט
פון שטילן קבר רוען פיס און הענט.

מאָליק העמד

מיט פעסטקייט האָב איך מיינע הענט פאַרקלעמט
אַרום מיין האַלדז: צעטרעסעט זיך אַליין;
מיין פלייש גענומען שאָקלען פון געביין,
און זיך פון ענגן גוף אַרויסגערעמט.

איצט זע איך ווי מיין אייגן לייב איז פרעמד;
און ווייס נישט ווי איך האָב גערופן מ י י ן
אַ הייפל שטויב; און דעם געפלעכט פון פיין
און פרייד — געטראָגן ווי אַ מאָליק העמד.

איצט ליגט פאַר מיינע פיס די שטייפע שטייג,
וואָס איך האָב דורך מיין לעבן דורכגעשלעפט
פון מינדסטן בלעזל אָטעם אויסגעוועפט —
אַ טרוקן בלעטל אויף אַ דאַרער צווייג:
און איצט — איך הויב זיך אויף און שוועב אין רוים,
און וועב זיך ווידער אין באַשעפערס טרוים.

חצות

פון זייגער קריכט אַרויס אַ בלינדער חצות
און וואַנדלט אום מיט אויסגעשטרעקטע הענט
ביים ריר פון זיינע נעגל זינקען ווענט;
ווי שפּינוועבס פּליקט זיך ריגל, רייסט זיך שלאָס.

אויף אָטעם פאַלט זיין הויך ווי לאַווע-גאָס
און וואַרגט מיין העלן חלום און פאַרבלענדט
מיין דמיון מיט קאָשמאַר פון גיכן ענד
און לעשט מיין דרימל אוים מיט קאַלטן בלאָז.

מיט גרויל וואַכט אויף אין מיר מיין האַרץ און וואַרפט
זיך אין מיין ברוסט ווי צונג אין גלאָקנבאַק
איך זע ווי טויט ביים שלייפראָד שטייט און שאַרפט
מיט טעמפּן גלייכגילט זיין צעבלאַנקטע האַק
און גרייכט אין האַלדז פון וועלט, צום קוואַל פון ווײ,
צום שפּריץ פון בלוט ביים לעצטן אויסגעשריי.

אַנומלט

אַנומלט חלומט זיך מיר, אַז איך שטאַרב
און ליג פאַרגליווערט, מיט די ציין אַרויף,
מיט ווייסלען אין דער זון פאַרקוקט; און האַרב
אין גומען בריט די טפּה מרה. „אַנטלויף

צוריק" — שרייט ווער אין מיר — „נאָך איידער שרויף
פון טויט פאַרעגבערט זיך מיט ערשטן קאַרב
דורך דיר צום דנאָ פון קבר: און צום זויף
פון ווערים פאַלט דיין פלייש, אַנטלויף, און דאַרב

ניט פאַר דיין צייט" — ניט פאַר מיין צייט? מיין שטים
וועקט מיך אין קאַלטן שווייס צו וואָר. איז דאָ
אַ צייט פאַר מיר? און וואַרט אויף מיר אַ שעה,
ווען וואָרער טויט וועט טויטן — און פון אים
אַן אומקער וועט ניט זיין? — אַ פאַטש אין מויל
פאַרענטפערט מיר. — מיין שאַרבן פרירט פון גרויל —

אַ מורא האָט מיך אָנגעכאַפּט און צוויקט
מיין זעל אין ענגן קלעם. מיט ווילדן שפּרונג,
מיט שווערן פאַל, מיט לאַפּעס ביי מיין שלונג,
מיט נאָגלצאָן — האָט מורא אויסגעפּליקט

מיין רו, אין סאַמע שעה, ווען איינגעוויגט
אויף וואָלקנפּוך — ביים איבערשפּאַן פון יונג
צו אַלט — האָב איך צעציטערט אויף מיין צונג
צום ערשטן מאָל אַ לויב צום לעבן. שטיקט

איצט מורא מיך, און אָטעמט אין מיין מויל
מיט טוכלען קבר־גרוך. איך דריי מיין קאָפּ
אַוועק; לאָזט מורא נישט. אָט פאַלט אַ טראָפּ
פון גרינער סלינע אויף מיין ליפּ — און גרויל
תכריכימט איין מיין גוף אין גליוועריהויט.
— — — — — — — — —
אויב לעבן שרעקט אַזוי, וואָס טוט שוין טויט?

אין קלעם

אין שפּור פון גיכע טעג אײַלט נאָך מײַן ענד
און קרײַזט פאַר מײַנע אויגן ווי אַ קראָ,
און רײַסט פון לעבן אוים אַ שעה נאָך שעה,
לאָזט דריבנע ווײַלן קוים אין מײַנע הענט.

זאָל איך פאַרשליסן זיך מיט פעלדזנווענט,
פאַרבאָרגן טיף אין ים ביים סאַמע דנאָ?
אַז אומעטום וואו איך בין, איז ער דאָ,
און וואַרט מיך אויף זײַן שווערדגריף אָנגעלענט.

האָב איך מײַן וואוין געבויט אין מענטשנהויט,
און שפּיר דעם פּייף פון ווינט דורך פלייש און ביין;
פאָלג אוים דעם רוף פון בלוט, וואָס הייסט מיר גיין
אַראָפּ פון שיפן באַרג, צום מויל פון טויט —
און נענען צו זײַן קאַלטן קוש מײַן קאָפּ
ווען אין מײַן האַרץ פאַרשווײַגט דער לעצטער קלאַפּ.

טאָפּל־פּולס

אריכות־ימים? אויב נאָך זעט פון טעג
נירוואַנאַט אוים, און ביז צום הרף־עין
פון דאָ און אומדאָ זיך פאַר טויט פאַרטייען,
פאַר שניט, וואָס וואַרט אויף מיר ביים סוף פון וועג;

האָט זיין אַ ווערט, אויב ביז צום יבוקס ברעג
פאַרסמט אַ ספק — אומאויפהערלעכער — מיין רעיון
מיט איין געפרעג: איז יש צי אַין
דער האַר פון וואָר, צי אפשר גאָר פאַרמעק

פון גבולים? — אויב אַזוי, וואָס קומט אַרויס
דערפון, אַז פולס וועט האָבן זיך געטאָפּלט,
ווען יענע קראַפט, וואָס האָט מיך אָפּגענאָפּלט
פון אומבאַוואוסטזיין, האַלט אויך גרייט דעם שטויס
אין תהום צו וואַרפן מיך ביים אָטעם־צי
דעם לעצטן, אין אַ טאָג אָן אינדערפרי?

אַפילו אַז

אויב יאָ אַזוי — אויב אויסלאָז איז דער פּרייז
פון וועטלויף, און קיין שפּאַן ניט מער — וואָס יאָג
איך זיך אַזוי? וואָס האָנעט מיך בייטאָג
און וואַרפט ביינאַכט, אויב אָן קיין איבערשפּרייז

שוואַרצט תּהום און שרייט צו מיר: „עד כאן! ס׳אַ חק
אַזאַ — אַ קייט אַ שטאָלערנע — כאָטש רייס
ווי שטאַרק דו ווילסט, כאָטש בעט מיט אויגפּאַרגלייז,
קיין רינג גיט דיר ניט נאָך.״ — איז וואָס־זשע שלאָג

איך זיך ביים דורכשטופּ — אויב ביים סאַמע זוים
פון מיין דערגרייך טרעפט מיינס אַ פוס ניט מער
פאַר טריאומפּאַלן טראָט ווי בלויז אַ לער
פון תּהום? וואָס אייל איך זיך ביז רויטן שוים

פון מויל אין דראַנג פון ווילדן קאָפּ־אויף־קאָפּ?
— — — — — — — —
איך פרעג — און לויף; איך מוז — ס׳אַ באַרגאַראָפּ.

שקיעה

דורך פענצטער אָפּענע גאָלדיקט זיך שוין שקיעה
און פינקלט־אָפּ פון מעבל און קרישטאָל: —
ער זיצט פאַרשטאַרט, אָן ציטער פון אַ וויע;
זיין פנים איינגערעמט אין אָרעאָל:

אַזוי איז ער געבליבן ביים קלאַוויר,
מיט פינגער אין קלאַווישן איינגעקלאַמערט,
זיין פוס נאָך אויף פּעדאַל, ווי ביים פאַרפריר
וואָלט ער דעם שלום־אַקאָרד נאָך נישט דערהאַמערט.

אַן אומדערשפּילטער בלאָנקעט שאָפּענס פּאָלאָנעז
און בענקט נאָך מייסטערס הענט, זיך אויסצוקלינגען;
קאָליר און טאָן און אַראָמאַט פון בעז
אַרום אים — כוואַליען זיך אין ווייט מיט רינגען;

דערוואַנדערן צו חושים אויפגעשפּיצטע — און באַריר
פון פינגער יינגערע, ווען מייסטער טויטשווייגט ביים קלאַוויר.

ערב אָנהויב

אַזוי מאָל איך זיך אויס מיין לעצטן טאָג
פון לעבן: — זון אין הימל יאָגט זיך מיט
אַ וואָלקן; בינען וויגן זיך אין צוויט
צום ווינט; פון וויינשלביימער קאַפּעט סאָק

און פֿרירט ווי בלוט. — אַרום מיר שאַרכן טריט
פּאַרטויבטע; עמיץ זוכט ביי מיר אַ שלאָג
אין פּולס — מיין האַנט פֿאַלט שטייף מיט טויטער וואָג,
און גליווער שטאַרט אויף אייביק מיין געגליד.

אויף זיבן שטרוי, אַ רעמל ליכט אַרום,
באַדעקט מיט שוואַרצן טוך, ליגט מיין אַמאָל —
און קיינער איצט: ניט מער, ווי בלויז אַ צאָל
פון שטאָפּן כעמישע, וואָס קערט זיך אום
צום דומם. — זאָג, וואו איילסטו זיך, מיין גוף,
אויף אַקסלען פיר? — הערסטו אַ נייעם רוף?

DANSE MACABRE

באַלאַדע אין צוועלף

אַ יובל באַלד, זינט יענעם זייפנבלאָז
האָב איך וואָרחלומט אין מיין הינערפּלעט,
ווען איינגעכישופט — איך און דו — אין שלאָס
קרישטאָלענעם, מיט לילאַ־ליכט דורך גלאָז
באַהימלט, האָבן מיר ביז פינצטערשפּעט
געאיינסט די צווייקייט אונדזערע מיט גלי
פון אורסטן־זעקסטן טאָג. — „דו פייערבלום,
דו האָסט צעעפנט זיך מיט ערשטן בלי
פאַר מיר, און אויסגעזשוניקט מיין אָרום
מיט פרייד, מיט שטראַליקער, ביז איבערגאָס —"

אַ יובל, אַז איך זוך דיך אומעטום,
זינט יענעם חצות.

אין גליווער

אויף בוידים־שפּאַרעס שפּילט דער ווינט מיט טויזנט אָרגלען
און וואַקלט דאַרע פלעדערמייז
אין קאַפּוירטן דרימל.
פון ביימער פליען קרוכלע צווייגן
און קלינגען אין גלאָקן
מיט טעמפּע קנאַלן.

וואַסערפאַלן
שווייגן,
און טייכן וואַרגן זיך אין קלעם פון אייז:
אָן דנאָ און אָן הימל.

פון ישוב אַרויס, אין רויטן שניי, זשליאָקן
וועלף בלוט פון שאַפּענע גאָרגלען —

דאָנם מאַקאָבר

האָט איר שוין אַמאָל געטאַנצט מיט אַ מת?
איך האָב —
אין וועסנע־צייט, ביים דנאָ
פון נאַכט, ווען בעז
און טשערעמכע האָבן געשנייט
אויף אַנהויב שעה
פון נייעם מעת־לעת:
האָב איך זיך געדרייט
אין ענגען אַרומנעם פון נאַקעט געביין,
און אָטעם פון טויט
האָט אין מיין פּנים געווייט —

האָט איר שוין אַמאָל געטאַנצט מיט אַ מת?
אויב יאָ —
האָט איר אין פאַרפלעכט פון
זיידענע צעפּ, וואָס טויט
שפּראָצט אַרוים, אַן זון
און אַן טוי,
אַן פלייש און אַן הויט,
פון שאַרבן אַרוים; האָט איר אויך דערקענט
אין פלעכטן די הענט —
וואָס איר האָט געגלעט? — (ווייל נאָר זי אַליין
האָט אירע צעפּ געפלאָכטן אַזוי.)

האָט איר שוין אַמאָל געטאַנצט מיט אַ מת?

קאָנטראַפּונקט

ביימער האָבן געוואָרפֿן שאָטנס
די זון האָט העל געלאָכטן;
דרייט מען גראָבע שטריק פֿון דינע פּעדים —
אַ מעשׂה ווערט געפֿלאָכטן.

אויף דעם טורעם קלינגען גלאָקן,
קרעכצן שווער די אָקסן;
מיט סאָסנעס אויפֿגעבליט האָט מיין ליבע,
מיט דעמבעס זיך צעוואַקסן.

און די אָקסן טרויעריק קרעכצן,
קלינגען הויך די גלאָקן,
ימים שווינדלען-אויף אין דיינע אויגן,
די זון אין דיינע לאָקן.

די אָקסן האָבן זיך איינגעשוויגן,
די גלאָקן אָפּגעקלונגען,
מיין ליבע האָט מען מיר אַוועקגענומען —
די ערד האָט זי פֿאַרשלונגען.

ביימער האָבן זיך אין נאַכט פֿאַרזונקען,
די לבֿנה איז אויפֿגעקומען,
די פּעדים האָט דער שטריק שוין לאַנג פֿאַרלוירן —
די מעשׂה איז צעשוואומען.

ווינט אויף זאַנגען

מיין טאַטע האָט געשענקט מיר
רויטן ווייַן אין קריגל,
מיין מאַמע האָט געברענגט מיר
אַ טויב מיט ווייסע פליגל.

דער קרוג האָט זיך צעבראָכן,
דער ווייַן איז זיך צערונען,
די טויב האָט מען דערשטאָכן,
איך האָב זי טויט געפונען —

נישט אַזוי דער ווייַן אין קריגל
ווי מיין בלוט פון האַרץ טריפט רויט;
נישט די טויב מיט ווייסע פליגל,
ווי מיין יונגער טויט.

שטאַרבן יונג ווען ביימער בליען,
אויף זאַנגען שפילט דער ווינט,
צו וואָלקנס ווייסע טויבן פליען,
ווייַן אין בעכערס רינט.

צעבראָכן זע איך נאָר מיין קריגל,
מיין טויב דערשטאָכן ליגט;
פאַלן שערבלעך אויף מיין וויגל,
בלוט מיין אָטעם שטיקט.

מיין טאַטע האָט רויטן ווייַן געברענגט מיר
און בלוט האָב איך געזויגן;
מיין מאַמע האָט אַ טויב געשענקט מיר,
איז זי ניט ווייט פאַרפלויגן.

צווייג איבער וואַסער

איז אַ יינגל שטיין געבליבן
ביי אַ בוים, אין האַנט אַ שטריקל;
אַ גרינע צווייג זיך אויסגעקליבן,
דעם שטריק געגעבן אַ צעוויקל.

קוקט אַ מיידל אין דעם וואַסער,
אין כוואַליעס שקיעהדיק געצונדן;
רופט זי, לאָקט דער טויט, דער בלאַסער
—אַ שטיין צום האַלדז האָט זי געבונדן.

אַ צווייג האָט זיך אַראָפּגעבויגן
אַ בלעזל איז אַרויפגעקומען
צום יינגל איז אַ קראָ געפלויגן
צום מיידל איז אַ פיש געשוואומען...

באַנגעניש

איבער פעלדער בין איך געפאָרן,
האָב איך אַ מיידל געטראָפן.
נאָך היינט געדענק איך איר פּנים,
כאָטש דער וואָגן איז שנעל דורכגעלאָפן...

דער וואָגן איז שנעל דורכגעלאָפן,
מיט מיר אין שטעטל פאַרפאָרן:
איך קאָן ניט אירע שיינע אויגן
פאַרגעסן נאָך אַזויפיל יאָרן.

נאָך אַזויפיל יאָרן ניט פאַרגעסן,
אין פעלד אַריין בין איך געגאַנגען:
אין דאָרט, וואו מיין מיידל איז געשטאַנען,
אַ קברל טרעף איך צווישן זאַנגען...

טויב אין חלום

אין חלום פליט
צו מיר אַ טויב ,
איר שנאָבל גליט
אין דימענטשטויב
פון זון דורך שויב —
און באַלד וואַקסט־אויס
אַ רויטע רויז.

„זאָג, טויב, ווי קומט
אַ רויז צו דיר?״
„דאָס ליגט פאַרשטומט
מיין צער אין איר,
און איר קאָליר
איז פייער־רויט
ווי יונגער טויט.״

„אויב דו ביסט טויט,
אָן הויכן שוועב,
איז רויז נישט רויט —
און איך, וואָס לעב,
בין שפּינגעוועב ;
טרויס פון קאַיאָר
אין אונדזער וואָר.״

„דאָס רופּסטו וואָר",
זאָגט מיר די טויב,
„ווייל דיר איז קלאָר
די זון אין שויב,
ווי אָדלערס רויב
איז מיר אין רוים,
וואָס איז קיין טרוים".

די טויב ווערט אויס,
די זון פאַרגייט;
נישטאָ די רויז —
אין פינצטער גייט אַ זאַלבעצווייט:
אַ טאָג וואָס לאַכט
מיט ספק־נאַכט.

זאַמד אין קוואַלן

איבער פעלדער גייען קאַסעם,
וויינען שטיל די זאַנגען:
יאָרן מיינע, יונגע יאָרן,
וואו זענט איר פאַרגאַנגען?

איר זענט פון מיר אַוועקגעגאַנגען,
מיין גליק האָט איר פאַרנומען;
מיט די טייכלעך פון די קוואַלן
זענט איר אָפּגעשוואומען...

אָפּגעשוואומען זענט איר, יאָרן,
זאַמד געלאָזט אין קוואַלן;
מיט די זאַנגען, יאָרן מיינע,
זענט איר אַוועקגעפאַלן...

איבער פעלדער שפּרייזן שניטער,
אין שטיינער קאַסעם קלינגען;
מיט די זאַנגען פאַלן יאָרן
און די סערפּעס זינגען...

ווערבע־פּייפל

קערט אום זיך, מיינע קינדעריאָרן,
מיט אייך וועל איך לויפן איבער אַלע פּלעצ:
אויף פּאָדקאָוועס זיך גליטשן, אויף דישלעס פאָרן,
פון שליידערס צילן אויף הינט און אויף קעץ.

ווערבע־פּייפּלעך מיט אַ קניפּעק פּאַרשניצן,
ביינערנע קנעפּלעך פּאַרשנעלן אין קאָן;
אויף ביימער קלעטערן, גרייכן זייערע שפּיצן;
צום גומען שאָקלען בעכערס מיט מאָן.

באַדיאַקעס קעפּן, קאַליטשען זיך מיט זשאַווערן,
יאָגן זיך מיט וואָלקנס, טרייבן מיטן ווינט;
מיט אַלע קעלבלעך און לאַשעקלעך זיך חברן —
איך זאָל ווערן צוריק אַ קינד.

דער גרום

אין גאָרטן ביי מיין נידריק פענצטער
מיט פלאַמען רויזן בליען;
די זון האָט פריידיק אויפגעלויכטן —
אַ פויגל קומט צופליען.

אַ בשורה טראָגט ער אויף די פליגל —
אין שנאָבל הענגט אַ רינגל ;
„דערצייל, דערצייל מיר, פויגל ליבער,
וואָס טוט מיין האַרציק יינגל.״

„דאָס רינגל האָב איך אים געגעבן
ווען ער האָט מיך געזעגנט ;
צי האָט מיין יינגל מיך פאַרגעסן?
אַ צווייטע שוין באַגעגנט ?״

„מאַך שטאַרק דיין האַרץ, פעסט דיין נשמה,
דעם אמת וועסטו וויסן ;
ווייל נישט איין טרער פון מיינע אויגן
האָט די בשורה אויסגעריסן״.

„דיין פריינט האָב איך אין ווייטער וועלט
אין רויש פון שלאַכט געטראָפן ;
מיט דיין נאָמען אויף זיינע ליפן
איז זיין לעצטער הויך אַנטלאָפן״.

„אליין אין צער איז ער געלעגן, —
בין איך צו אים געפלויגן;
איך האָב מיט מיינע ווייסע פליגל
פאַרשלאָסן זיינע אויגן.

„דאָס רינגל זאָלסטו אייביק טראָגן:
און מיך לאָז פליען ווייטער;
אַ צווייטן הער איך איצטער רופן,
אַ גרוס ברענג איך צו אַ צווייטער".

אין גאָרטן ביי מיין נידריק פענצטער
אַ שניי איז אויסגעפאַלן;
די זון איז שוין פון לאַנג פאַרגאַנגען
און מיינע טרערן קוואַלן...

פון עבר אַרוים

פון שכחהס תהום ביסטו אַרויפגעשוואומען
און האָסט פון עבר מיר אַ רגע צוריקגעבראַכט:
מיט מאַי אין מיטן ווינטער האָסטו אויפגעוואַכט,
און דאַרהאָלץ האָט צעפרילינגט זיך מיט בלומען.

מיט יענער רגע איז אויך צוריקגעקומען
דער גיר-גלי פון דיין לייב, ווען אין יענער נאַכט
פון שכחהס תהום ביסטו אַרויפגעשוואומען
און האָסט פון עבר מיר אַ רגע צוריקגעבראַכט.

האָסט ליפן אויסגעקנאָספּערט פון שטומען
פאַרגליווער — און הערצער אַנטשוויגענע ווידער באַשפּראַכט,
און גאָרטן פאַרשלאָסענעם פאַר מיר אויפגעמאַכט,
ווען מיט נעקטאַר פאַרבאָטענעם צו מיין דורשטיקן גומען
פון שכחהס תהום ביסטו אַרויפגעשוואומען.

מיט ניגון

גרין־רויטער חלום

אַ גרין רויטער חלום האָט זיך פֿאַרבלאָנקעט
צו מיר אין דער שוואַרצער נאַכט;
אַ רויטע זון, אַ גרינע לאָנקע
האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

גרינע גראָזן, רויטע בלומען,
אַ מיידל מיט לאָקן שווארץ;
דו ביסט צו מיר אין ווינטער געקומען
און האָסט צעפרילינגט מיין האַרץ.

פֿאַרשוואונדן איז גרינקייט מיט רויטקייט צוזאַמען,
געבליבן די שוואַרצקייט פֿון נאַכט;
מיין חלום האָב איך דערציילט מיין מאַמען —
האָט זי מיך אויסגעלאַכט...

אַזוי מישן זיך אינאיינעם גרין און רויט
אַזוי מישט זיך די שוואַרצקייט פֿון נאַכט;
אַזוי ווי סע מישן זיך לעבן און טויט
מיטן שלאָף וואָס די אויגן פֿאַרמאַכט.

***

גרינער וואַלד, טיפער וואַלד,
ביימער — זונענזיילן!
אַ הויכע סאָסנע וויל איך זיין,
הויך אויף טויזנט איילן...

הויך אויף טויזנט איילן,
מיט שישקעס אָנגעלאָדן;
מיט די פּים צו קוואַלן גרייכן,
מיין קאָפּ אין וואָלקנס באָדן...

מיין קאָפּ אין וואָלקנס באָדן,
אויף אַ כמאַרע דרימלען,
מיט וואָלקנס הויך און וויים פאַרפליען
אין אַלע זיבן הימלען...

אין אַלע זיבן הימלען
טרינקען זון און שטערן —
צווישן ביימער — זונענזיילן
איך זאָל אַ סאָסנע ווערן.

*
**

גרינען בלעטער אויפן בוים,
וויסלט צווייט, אַ פויגל שוועבט :
ס'גאַנצע לעבן איז אַ טרוים
פון זונענשטראַלן אויסגעוועבט...

געלע בלעטער פונעם בוים,
ווייסער שניי, אַ רויער ווינט:
ס'גאַנצע לעבן איז אַ טרוים
פון גרויען שפינוועבס אויסגעשפינט...

רעגן אין שויב

אין די שויבן קלינגען טראָפּנס;
אין דרויסן גייט אַ רעגן:
מיטן רעגן פאַלן טרערן —
פאַרוואָס? — זאָלט איר ניט פרעגן.

לויפן ריקעלעך צום וואַסער,
דער טייך האָט אויסגעגאָסן:
מיינע טרערן וועל איך נאָר טרינקען;
מיין האַרץ האָב איך פאַרשלאָסן.

וואָלקנס זיינען זיך צעגאַנגען;
די זון שפּילט אויף די וועגן:
פאַר אַלע שיינט זי, מיר איז פינצטער,
פאַרוואָס? — זאָלט איר ניט פרעגן.

***

די באָבע וויקלט גרויען פאָדעם
און זעצט זיך זאָקן שטריקן;
האָט אַן אויגל זיך פֿאַרלוירן —
דאָס האפּטל נעמט זיך פּליקן.

געגאַנגען ווייט דאָס אויגל זוכן
און האָט עס ניט געטראָפֿן;
ווען זי איז צוריקגעקומען —
איז דער פאָדעם אויסגעלאָפן.

וויג־ליד

אויף די סאָסנעס וואַקסן שישקעס,
אויף די דעמבעס ניסעלעך:
גרויער אַש פּרירט אין דער הרובע,
ליידיק שטייען שיסעלעך.

אין די גראָזן האָפּקען האָזן,
אויף דער לאָנקע ציגעלעך;
קוים אַ רעפּטל ברייט פאַרבליבן,
עסט־זשע קליינע שטיקעלעך!

אין די שויבן פּיקן טויבן,
אין די שנאָבלען קריגעלעך:
חלומות זאָטע וועט אייך ברענגען
אַ מלאך מיט ווייסע פליגעלעך.

טרויער געשיכורט

ווי זאָלן מיר טרינקען דעם וויין,
פאַרלאָרן האָבן בעכער די דנאָען?
ווי זאָלן מיר אין טאַנץ אַריין גיין,
אַז פידלען ווילן ניט סטראָיען?

מיר האָבן טרויער געשיכורט
אַריין אין גרויען באַגינען;
מיט ווילדן ריקוד געבריקערט
אַריבער געוועבן פון שפינען:

געפלויגן זיינען די בעכער,
געקלונגען זיך ראַנד אין ראַנד,
ווי שדים איבער די דעכער,
ווי שאָטנס איבער דער וואַנט.

צערייסט די סטרונעס, קלעזמאָרים,
באַגלייט אונדז צום קברות־פלויט!
מיר וועלן זיך וויקלען אין קברים,
פאַרהילן אין שאַלן פון טויט....

אין בלויען טרוים

גרינען ביימער אין דעם וואַלד!
גרינען ביימער, יונג און אַלט:
טרינקען רעגן, זון און גליק —
אין בלויען טרוים, אין גרינעם וויג.

אויף די ביימער פֿאַלן העק:
ביימער פֿאַלן גרין אַוועק —
ביימער יונג, און ביימער אַלט —
אין בלויען טרוים, אין גרינעם וואַלד.

מאָן צווישן זאַנגען

ווייץ און קאָרן
איז צייטיק געוואָרן;
איז מאָן צווישן זאַנגען
אין אַ ווילדן טאַנץ געגאַנגען;
האָט זיי די נאַכט
אַ קאַפּעליע געמאַכט.

טאַנצט דער מאָן צווישן זאַנגען —
האָבן שפּילן אָנגעפאַנגען:

אויף די פידלען סאָלאָווייען,
אויף די פלייטן ווינטן ווייען,
בוימערפּיקס אין פּויקן בימבלען,
גרילן דרימפּלען אויף די צימבלען.

דער פאַסטוך אויף זיין ווערבע־צווייגל
פייפט אַרויף צו אַלע פייגל;
צוויפּצען פייגל אויף קאַריק
אויף דעם גאָלדן גליק.
אויף דעם גליק וואָס ווייץ און קאָרן
צייטיק איז געוואָרן.

רויטע עפּל, רויטע ליפּן

זון אויף די ביימער,
זון אויף דיין קעפּל, —
קום מיט מיר אין סאָד אַריין,
ווע׳מיר רייסן עפּל.

עפּל הענגען צייטיק,
וועט דער ווינט זיי רייסן;
ווייסע ציין אין רויטע עפּל
וועלן זיך פאַרבייסן.

רויטע עפּל, רויטע ליפּן,
זון רויט צווישן צווייגן;
רויט צוויי הערצער וועלן שרייען,
רויט די ליפּן שווייגן.

רויט די ליפּן שווייגן,
ביים קושן ווערן שטומער;
עפּל רייסן קום אין סאָד,
ווייל באַלד אַנטלויפט דער זומער.

אין פינצטערניש געבלאָנקעט

אויף דעם וועג, וואָס פירט צו דיין האַרץ,
ליגן דערנער און שטיינער:
צעשטעכן זיך די פיס האָט קיינער ניט געוואָלט;
געגאַנגען בין איך נאָר איינער.

געגאַנגען, געליטן, אין פינצטערניש געבלאָנקעט,
ביז איך האָב דיך קוים געטראָפן;
און אַז איך בין שוין געשטאַנען נאָענט לעבן דיר,
ביסטו פון מיר אַוועקגעלאָפן.

כ׳וואָלט שוין געוויטאָגט, געבלוטיקט און געשוויגן,
טיפער נאָך פאַרשניטן די וואונדן;
וואו זאָל איך דיך זוכן, וואו וועל איך דיך געפינען,
אַז דער וועג צו דיר איז פאַרשוואונדן?

⁂

אומגליקלעך בין איך פון מיין וויגל,
פאַרשאָלטן איז מיין יעדע שעה:
וואָס האָט מען מיר געגעבן פליגל,
אַז קיין הימל איז נישטאָ?

פֿאַנדעמאָניקאָן

פון פינצטערניש — קברים — וועל איך זיך דערזונען:
מיט נייע פּעדים
איינגעשפּונען
דורך קיום-וועב,
זיך פלעכטן
ביז אויפבאַלעב
פון נעכטן —
באַפליגלט מיט חדש ימינו כקדם
אין גרייך צו זון.

דורך שטחים
לויטערע, פון ליכט בגילופין,
לויפן פיל דרכים
צו דיינע רופן,
זון!
אָבער נישט מיין וועג.
מיין וועג צו דיר
איז זונדערשטעג
דורך פינצטערניש, וואָס קראָטן
וואָלטן נישט באַטראָטן —
און דאָך, זע!
אָט באַריר
איך באַלד דיין סנה,
וואָס פון אים
האָט דיין שטים
צו מיר זיך דערקלונגען
צום קברס טיפעניש, אין שוים פון ערד;
און איך האָב דיך אַרויסגעהערט
פון צווישן מיליאָסן געטשקע-צונגען;

און צו דיר, זון, געצויגן
מיט פאַרגאַפטע אויגן,
אין געשלענגלטן גאַנג
פון געדאַנק,
דורך פירמאָסיקן אויסדערלאַנג,
פון דיין אומווידערשטענדלעכן צורוף באַוואַייגן

(פערטע דימענסיע איז לחם
הפנים ;
צייט — אַ צוגווינט פון
טפה־פאַרזויי
אין רחם
ביז אַנטזועלונג אין
פאַרדיי
פון שונאים.)

דורך איר
וועל איך געפינען אַ טיר,
אין גרייך צו זון —
און, באַפליגלט מיט חדש ימינו כקדם,
וועל איך זיך אַמאָל נאָך דערזונען.
— — — — — — — —

לאַרוואַ — קריזאַלים — אימאַגאָ —
און דערוואַכסט אַמאָל אַ טאָג
צו פאַרשווערטער וואָג
פון אַ באַגרויטן יאָר ;
און ביסט:
אַן אַנגעיאָרנטער לייב —
דו גרייכסט נישט מער אין שפרונג,
דיין בליק — אַן פונק,
דערשראָקן פאַרן אָנקום פון נייעם דור.
— — — — — — — —

(ווי אַ כּרוב אין אַ כּרוב,
אַזוי אין מיין גוף
ווינקט זיך איבער מיין איך,
אַ געהאַלבטער —
נאָר רעכט איז געלינקט,
און לינק איז גערעכט:
ווער־זשע איז קנעכט
און ווער דער געזאַלבטער?
און וואו ענדיקט
זיך גאָט?
און וואו שענדיקט
שוין טייוול זיין טראָט?)

— — — — — — — —

ווער ציליעט קברים
אויפן שנור פון צייט־רוים,
אין ביי־טרוים
צווישן יש ואין?
ווער לייגט אַריין אין עוברס אָרעם
דעם כלי־זין,
זיין זעלבסט־סוף אָנצוזאָגן,
נאָך איידער לעצטער הרף־עין
האָט פאַר אים דאָ אויסגעשלאָגן?

— — — — — — — —

איך בין אַ פּאַלימפּסעסט:
און פאַרשריבן
אין מיר איז פאַרבליבן:
אַקט, וואָרט און — זשעסט.
און אַלץ וואָס האָט זיך אין מיר אָנגעקליבן
וועלן קיין שלייערן זיבן
נישט פאַרהילן,

ווען צייט וועט קומען זיי איבערצושפּילן
אין „דערמאָן, דעם שטילן, טראַנקווילן״.

הגם מיר איז שוין פון לאַנג קלאָר,
נאָך וויאַזוי קלאָר!
אַז מיט מיין גאַנצער גרויס
וועט זיך מיין אויס
נישט אָנזען אויף אַ האָר
אין ערדישן סך־הכל;
האָב איך נאָר
פאַרלוירן צייט
דורכצוזיכטיקן שערבלעך
אויף אויגן פון לייט —
צו באַלערנען זיי, אַז אויך זייער אָטעם
איז שטערבלעך;
אַז אפילו ווען זיי האָבן
מער קעפּ ווי אַ טאָטעם,
וועלן זיי נישט אויסטראַכטן אַ וועג אַרויס
פון צעוואַקל
און פאַל,ביים שלום פון קרייז,
צום שפּייז
פון ווערים און ראָבן.
— — — — — — — — — — — — — — — —
איך בין אַ זכר לחורבן
נאָך ש״י עולמות —
אין אַ וועלט,
וואָס איז נאָך נישט געשטאָרבן,
נאָר גוססט ביים געבורט
פון נייע נשמות,
און ביי יעדן ניי־באַגרין פון פעלד —
און דערפירט צום אַבסורד

זיך, מיך — און אַנדערע,
וואָס זיינען איינגעגורט
אין תחום
פון איר וואַנדער
זון־אַרום
ביז אָפּקיל און אייביקער קעלט.

(און אויב דו שרייסט: „לא אמות!"
טאָ וויים־זשע, אַז נישט נאָר דו,
נאָר טויט אַפילו
איז שטערבלעך;
אַז אויך אויף אים, דעם זיגער,
איבער לאַם און טיגער,
וואַרט די גליווער־רו
אויף פלוינען שטילע,
צווישן שערבלעך
פון סאַמע־לעצטן באַשאַף
פאַר אויבער־אַף.)

— — — — — — — —

ווען מיין רמ"ח און שס"ה
וועט אַמאָל זיך האָבן אויסגעביטן
זיבן־מאָל־זיבן,
און איך וועל זיך, מיט מזל, יובלען —
ווער וועל איך זיין אין יענער שעה?
אין ס'אַראַ צייט־רוים וועל איך זיך טובלען
ווען איך וועל האָבן אָנגעקליבן
נייע צעלן,
און זיך שטעלן
אינמיטן,
איבער זיי, ווי אויף געווערים אַ קראָ?
און אפשר — ווער ווייס? — טיפער, נאָך טיפער,

צווישן אַ נידעריקערן אומגעציפּער,
ביים גלגולם דנאַ
זיך פאַרלירן אין חומר, פון זעל אויסגערונען?
— — — — — — — —

אָבער זע, אַז ערשט דאַ,
פון קבר אַרויס,
האָב איך צום סנה
זיך געקאָנט דערזונען;
און פון בלינדקייט דערגרייכט צום דערזע,
דעם קלאָרן,
ווען זיבן־מאָל־זיבן
האָט דעם נעפל פאַר מיינע אויגן צעטריבן;
ווען ווייס האָט באַוועלטיקט שוואַרץ:

נאָר איך האָב אין האַרץ
פון סנה נישט קיינעם, נאָר
זיך אַליין געפונען —
און אין ליכט פון וואָרסטער וואָר
איז געוואָרן מיר קלאָר:
אַז קיינעמס, נאָר מיין אייגן קול
האָט מיך פון סנה גערופן —
איך זאָל:
פון ליכט, פון אייגענעם, בגילופין,
דערוואַנדערן צו זיך אַליין, ביים צעשייד פון יאָרן —
און גיין אַזוי — אַליין —צום גרוי־סוף,
ווי דער אָרון
הקודש — און זיין, ווי ער: אַ נושא את נושאיו,
אין אייביק־אייביקסטן פלאַם פון דאָרן,
וואָס איז קיינמאָל נישט פאַרלאָשן געוואָרן.

מזבח אדמה

און אַז עפר ואפר, איז וואָס?
אָט איז דער מזבח־אדמה,
מיט אַש באַקרוינט!
אַבי די נשמה, די נשמה
ברענט און ברענגט זיך אַ קרבן עולה
אינעם עפר ואפר,
וואו כביכול וואוינט
ווי תוכן אין ספר:

פרעגט זיך דאָ ווידער:
און אַז עפר ואפר, איז וואָס?

אַבי מעשים, מעשים — און נישט ווערטער הוילע;
זין, און נישט דער קלאַנג פון אות,

ווייל וואָס
איז דער גילדענער כוס
אָן ווייַן,
אויב פוסטקייט איז זיין
גאָס?

פרעגט זיך דאָ ווידער
און אַז עפר ואפר, איז וואָס?

און אַז עפּר ואפר, איז וואָס?
אויב
אייבערמאָס
איז ה —
דער זייפנבלאָז
פון אַש און שטויב,
אין דריי
פון זיך צו זיך אויף
היקף, אַרום

פינטל, וואָס איז כלום
איז פרעגט זיך דאָ ווידער:
און אַז עפר ואפר, איז וואָס?

אָבער וואָס איז עפר ואפר, וואָס,
אָן דעם זייפנבלאָז
פון ה?
אויב נישט בלויז פאַרזיי
מיט ווי,
און טראַכטס פאַרשלאָס: —
נאָר ווען, דו ה,
ביסט צווישן צוויי,
דערגאָטסטו זיי,
ווי זיי — דיין זייפנבלאָז
צום אייבערמאָס.
איז פרעגט זיך ווידער, ווידער:
און אַז עפר ואפר, איז וואָס?

זיבנשלאָסיק

אין אוסגרייך צום דרויסן,
צום פרעמד־הוים, אַרוים פון מיר —
האָב איך פלוצים זיך אָנגעשטויסן
אויף אַ פאַרבאָרגענער טיר,
זיבנשלאָסיק
באַוואַכט: —
און פייער־אותיק
האָט אַ וואָרנונג געשריגן
אַריין אין דער נאַכט:
„שטיי!"

„האָב איך די לעצטע שוועל
באַשטיגן
צום הויז
פון זיך אַרויס?"
— רייסט זיך אין מיין קעל
אַ פרעג —
„האָט שוין אויסגערונדיקט זיך מיין וועג
פון אויפגיי צום פאַרגיי?"

נאָר טיר האָט געטויבט
און פייערוואָרט — איר איינציק לשון —
האָט זיך נאָך רויטער געצונדן
און אין מיר פאַרלאָשן
דעם ווילן — פון וועג, דעם רונדן,
זיך אויסצוכישופן; און מיד, פאַרשטויבט,
פון וויטן וואָגל, האָב איך זיך צוריקגעצויגן
פון דער שוועל.
— פליט די פייל צוריק
צום בויגן, אויב זי האָט פאַרלאָזט דעם שטריק?

פאַרוואָס זאָל איך אין ראָד
זיך קרייזן,
און זעלבן טראָט
אויף היקף איבערשפּרייזן,
אָנצושלאָגן זיך ביים סוף אויף טיר,
וואָס פאַרווערט דעם סוד
מיר, הינטער איר?

און אפשר איז פאַראַן אַ ראָד־אַרוים
דורך שפּריך
צום צענטער, און צום איינגהויז
אין טיפסטן זיך,
נאָר דער וואָרים אין זיין קריך
זעט דעם היקף בלויז?

מוז איך וואַנדערן פון שטוים צו שטוים
אין אַ טיר, פאַרבאָרגענער,
און מיט אַ טרער
דערוואָרגענער
באַוויינען מיין דערגאַנג אַהער?
מוז איך אויך
פון אָדלערס הויך
אין ראָד זיך צירקלען, אָן אַ ווענד, אָן קער?

בין איך דורך שפּריך פון ראָד אַנטרונען
און אין צענטער זיך געפינען,
און איינגעשפּיגלט
זיך אין איינגרוים,
און אויפגעריגלט

נאָך שוועל פֿון טרוים
אַ טיר,
וואָס האַלט דעם סוד
פֿאַרזיגלט
אַפֿילו פֿאַר אַ גאָט —
נאָר נישט פֿאַר מיר.

וואָלט איך ווען געגלויבט, אַז אין מיר, טיף,
איז פֿאַראַן אַזויפֿיל וועלט,
פֿון אייגענער זיו
השכינה אויפֿגעהעלט —
נאָר מיין ערדיש אויג האָט דעם זין פֿאַרשטעלט
פֿאַר מיר, הינטער אַ געהיימען היעראָגליף?

האָב איך געוואוסט, אַז דאָ, אין אייגנוואָר,
ועט קיין שלאָס,
קיין זיווג פֿון אַן אות מיט אות,
פֿאַרווערן מיר דעם היכל, ווי אַ זר?
נאָר
איך וועל אומגיין צווישן מער ממשות,
אין ליכט פֿון אייגענעם בייטאָג,
ווי אין דרויסנוועלט פֿון מאָס־און־וואָג
אין שאָטנשיין פֿון בין־השמשות?

האָב איך געוואוסט, אַז דאָ,
אַרומגעפּאַנצערט אין מיין הויט,
הערש איך איבער לעבנס יאָ —
און, אפֿשר, איבער ניין פֿון טויט?

דרום שטיי איך אין מיין קדשי קדשים און בענטש
די ווייטע שעה אויף שיידוועג, ווען
אויבערהאַנט האָט מענטש
געקראָגן איבער מיר, און מיינע שפּען
אַרויסגעפירט פון כישוף־ראָד
און צוגעבראַכט צום זעלבסט־דערקען,
צום טיפסטן גלוי־סוד,
נאָך יענער טיר, וואו גאָט
אפילו איז קיינמאָל נישט געווען.

סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא

קהלת

ביי דעם שלאָס צו דיין סוד
האָט מיין האַנט זיך דערשראָקן;
האָסט דערציטערט מיך, גאָט,
ביי דעם שלאָס צו דיין סוד,
מיט צעדונערטן טראָט,
ווי צעהוידעטע גלאָקן —
ביי דעם שלאָס צו דיין סוד
האָט מיין האַנט זיך דערשראָקן.

ווערטער־טייטש

וו ע ר ט ע ר ־ ט י י ט ש

אויבער־אַף — אויבער־מאַלפּע אַנאַלאָגיש צו אויבערמענטש.
אול — בינשטאָק.
איינגעאיכט — איינגעבילדעט זיך דעם איך.
אימאַגאָ — (ענטאָמאָלאָגיע) אַ רייפער אינזעקט, פול־אַנטוויקלט פלאַטערל.
אַלטער עגאָ — צווייטער איך.
אָלימפּ — באַרג אין גריכנלאַנד, וואוין פון גריכישע געטער.
אַליקוואָט — אינטעגראַלער פאַקטאָר ; (מוזיק) טאָן, וואָס אַנטהאַלט אַנדערע טענער.
אַמעטיסט — איידלשטיין פון פּורפּור־קאָליר ; פּורפּור.
אָרעאָל — רייפל, שכינה־שיין אַרום הייליקנס קאָפּ.
אַריך (אַנפּין) — גאָטס אַטריבוט, איינע פון זיינע י״ג מידות.

בוימערקפּיק — פּיקהאָלץ.
בלאַנד — וואַריאַנט פון בלאַנק, בלאָנדזשעניש.
בעזפּאַנסקע — הפקרדיקע, אָן אַ פּאַן, האַר איבער זיך.
בריש — בראשית.

גאָלדנגינעם — גינגאָלדענעם.

דומם־צומח־חי־מדבר — מדרגות אין דער עליה פון מינעראַל־פלאַנץ־באַשעפעניש־מענטש.
דרויב — (קאָלעקטיוו) פייגעלעך, וואָס האָבן בלויז פּוך.
דריי־אותיק — לויט אַ טעאָריע פון געוויסע מדקדקים, באַשטייט העברעאיש וואָרט, באַ־זונדערס פּועל, פון דריי אותיות.

האָנען — יאָגן, לויפן, טרייבן.
האַר־און־קאַר — איבערקערעניש, קאַטאַקליזם.
האָרבעריק — גאַסטהויז, באַהעלטעניש (במסתרים תבכה נפשי).
הדרן עליך — מיר׳ן זיך אומקערן צו דיר (ביים סיום פון מסכתא).
הורמנותא — הערשאַפט, גאָט.
היקף — קרייז, פּערימעטער.

וואַלפּורגיס־נאַכט — חצות פון ערשטן מאַי, ווען מכשיפות קומען זיך צונויפֿ צוזאַמען צו פּראַווען אָרגיעס מיטן שטן.

וויִאָנס — פראַנסואַ וויאָן (1431), פראַנצויזישער דיכטער.
וועַנוס־באַרג — האָרסעלבערג, צווישן אייזענאַך און גאָטאַ, וואו וועַנוס האַלט די געפאַנ־גענע אין איר נעץ.

זיליאָן — מיליאָן צו אַנסופיקער פּאָטענץ, העכסטער ציפער.
זעיר (אַנפּין) — היפּוך פון אַריך (זע).
זר הטבע — קרוין פון נאַטור, דער מענטש.

חסד־לועזים — גנאָד פון פּרעמדשפּראַכיקע.

טאָטעם (סלופּ) — קעפּ פון אינדיאַנישע געטשקעס, איינער איבערן צווייטן, אויסגעהאַקט אין אַ קלאָץ; עמבלעם פון אַ פּרימיטיוון שבט.
טלום — וואָרף, ווי אין מורא, פּיבער.
טעלוס — (אַסטראָנאָמיע) נאָמען פון ערד.
טעסעראַקט — פּיר־דימענסיאָנעלע פיגור; פּירמאָס.
טפּה מרה — ביטערער טראָפּן, וואָס מלאך המות גיט־איין אויף שפּיץ פון שווערד.
טשערעמכע — ווייסער צוויט, מיט שאַרפן פּאַרשיכורדיקן אַראָמאַט.

כריפּלע — הייזעריק.

לאַרווא — (ענטאָמאָלאָגיע) פריע פּאַזע אין מעטאַמאָרפאָז פון אינזעקט.

מאַטריקס — שויס, מוטער־טראַכט.
מולכדיק — ווי מולך, וועמען די פעניציער האָבן מקריב געווען מענטשן.
מינוס איינס — אָדער 1—, סימבאָל פון אַ ווערט, וואָס איז קלענער פון נול.
מיף — וואַריאַנט פון מיט, מיטאָס.
מעטאַבאָלירן — אויסבייטן דעם שטאָף.
מעצאָטינט — מעזאָטינט (קופּערשטיך).

נאַגלע — פּלוצים.
נייד — קנאה.
נירוואַנאַ — אומליידנשאַפטלעכע שלווה, דערגרייכט דורך ביטול פון אַלע תאוות; וועגן באַגריף גופא זע גרעסערן ווערטערבוך אונטער „בודיזם“.
נעקטאַר — געטער־געטראַנק; (באָטאַניק) זאַפט אין בלומען־בעכער.
נקודה־קו־דריימאָס־פּירמאָס — גאַנג פון פּינטל דורך ליניע, צו קוב און טעסעראַקט.

סאָפּ(ע) — קורצער אָטעם־צוג.
סאָקאָל — סאָקול, פּאַלק, רויבפויגל פון דער אָדלער־פאַמיליע, געשולט פאַר יאַגד.
סטראָיען — שטימען, ווי אַ פידל אָדער אַזוי אינסטרומענט.

סילף — פאַנטאַסטיש באַשעפעניש, געוויינלעך אין פיגור פון אַ מיידל, וואָס באַוואוינט, לויט פּאַראַצעלסוסן, די לופט.

סמך־מים — סמאַל.

סעדעכע — מאַרקיזיצערין, וואָס האַנדלט מיט פּרוכט.

סעמפ — רויבפויגל, קאַרשון ; לעבט געוויינלעך אויף רעשטלעך פון אַנדערע.

סקאַפּ — ראַנד פון דאַך, שטעקט אַריבער מויער.

סקיבעס — גרודעס ערד, וואָס אַקעראייזן וואַרפט־איבער.

עידן־עידנים — (דניאל) אומבאַשטימטע צייט ביז קץ.

עם קדוש, שטיי אויף און גיי לעבודת הבורא, כי לכך נוצרת — רוף פון שמש אין גלינע (מזרח־גאַליציע). אַנדערע מקומות האָבן וואַריאַנטן פון דאָזיקן רוף.

ענטראָפּיע — מאָס פון סיסטעמס היץ־ענערגיע, וואָס לאָזט זיך שוין מער נישט פאַר־וואַנדלען אין מעכאַנישער אַרבעט.

עקווירט — געגליכן.

עקסטראַפּאָלירן — משער זיין, פּאָרויסזאָגן אַ כמות, וואָס הענגט־אָפּ פון זיך־בייטנדיקע ווערטן, דורך אויסברייטערן די דאָזיקע ווערטן מחוץ זייער עטאַבלירטן אויסגרייך.

פּאַלאַשען — יאָגן, רייטן גאַלאָפּ.

פּאַלוס — סימבאָל פון מענלעכן אָרגאַן, וואָס ווערט פּאַרגעטערט אין געוויסע רעליגיעס.

פּאַלימפּסעסט — פּאַרמעט אָדער פּאַפּיר, וואָס האָט איין כתב אויפן צווייטן.

פּאַרסקאָסעט — קוואָר, אַלכסונדיק.

פּאַרקוואַרט — פּאַרדאַרט, אויסגעדעווערט.

פּתאַ — עגיפּטישער אָפּגאָט.

פּידוימען — באַשטאַנד־טייל פון וואָגן, געשטעל.

פּראָטאָ־צעל — אור־ערשטע צעל.

פּרעק — מערצאָל פון פּראַק (לאַנגער ראָק).

צויטן זיך — נאָכשלעפּן זיך ווי אויסגעדרילעוועטער פּאָדעם.

צעגרויז — אויפשוידער.

צעשלעט — צעשפּילט אין אַ שלל קאָלירן.

קאַליעס — קאַרעטע, בריטשקע, קאָטש.

קאָניער — קאָניוך, פערד־סוחר.

קו — זע נקודה.

קיטנע — שוואַנגערגיק (קאָץ).

קליף — וואַריאַנט פון אַלט־יידיש „קליפּ״, פעלדז, סקאַלע.

קליפּת השום — קנאָבל־שאָלעכץ („כל חכמי ישראל דומים עלי כקליפּת השום״ — בן־עזאי, נחמן בראַסלאַווער).

קריזאַליס — (ענטאָמאָלאָגיע) פאַזע אין מעטאַמאָרפאָז פון אינזעקט, פלאַטערל ; פּופּאַ.

קרקפתא — שאַרבן.

רַא — **עגיפּטישער אָפּגאָט.**

שוויאַטאָוויד — **שוויענטאָוויד, סלאַווישער אָפּגאָט מיט פיר פּנימער, אַכט אויגן.**

שין־דלד־יוד — **שדי.**

שישקע — **שלאָפּקעפּל, סאָסנע־פּרי.**

שפּאָטען זיך — **שטרויכלען.**

שפּיניי — **פּאַסטריגע־פּאָדעם.**

שפּריך — **שפּריכע, שטאַבקע האָלץ צווישן צענטער און ראַנד פון ראָד.**

אינהאַלט

אינהאַלט:

זייט

שליחות

פלאַם אין צוואַנג (1952) — 15
צלמות (1949) — 20

קדמון

בריש (1945) — 23
אַלבערט איינשטיין (1949) — 25
האַלבקייט (1949) — 26
1 — (1947) — 27
טאַפּלטייטש (1955) — 28
אין זיג־זאַג (1954) — 29
קאַראַהאַד (1948) — 30
מיטן ווינט (1943) — 31
ערב אדם (1943) — 32
איבערקנעט (1943) — 35
פון קער (1944) — 36
ראָד־איין ראָד־אויס (1945) — 37
אַ כוס צו זון (1942) — 40

העדאָניקאַ

אַלעגראָ (1940) — 43
דעם ים אַנטקעגן (1935) — 44
שפּינוועבס אין ווינט (1938) — 45
טרויב אין זון (1943) — 46
ראַמאַנזי (1933) — 47
עקסטראַפּאָליס (1955) — 48
אומבאַזוכטער אומעטום (1956) — 49
מעצאַטינט (1957) — 50
מאַעסטאָזאָ (1942) — 51

זײַט

אַליקוואַט (1957) — 52
צום װענוס־באַרג (1957) — 53
אַדאַנטע (1942) — 54

עראָטיקאַ

זײַטנשטעג (1941) — 57
רױטער מאַן (1937) — 58
דערמאָן (1944) — 63
דרײַקלאַנג (1950) — 64

שינדלען פֿון דאַך

שער־און־אײַזן (1938) — 69
שינדלען פֿון דאַך (1939) — 76

אידיליע אין פֿלאַמען

גליקזעל (1938) — 79
יאַריד (1937) — 80
זײַן צוזאָג (1943) — 81
אַפּאָקאַליפּס (1945) — 82
פֿון אַש צום צלם (1945) — 83
עשו צו גאַסט (1943) — 84
עם קדוש (1942) — 87
טױער אָן ריגל (1954) — 88
אױסגראָב (1957) — 89

סאַטיריקאָן

הײפּל שטויב (1947) — 93
זעלבסטקרוין (1943) — 94
אַריוויסט (1945) — 95
סקערצאָ (1952) — 96
אַפֿילו סאָקראַטעס (1949) — 97
מיקראָקאָסמאָס (1951) — 100

אײגנליכט

אויף שאָל פֿון אַל־וואָג (1946) — 103
אױסגעזעגטע בײמער (1942) — 104

זייט

אַכלאַפּאַביע (1954) — 105
צו זיך (1943) — 106
פּה נטמן (1943) — 107
אין וואָר־טרוים (1942) — 108
אַלטער עגאָ (1946) — 109
בחירה — 110
אַבליוויאָן (1955) — 111
איכלאַנד (1954) — 112

האַרבסטגרוי

טרערן־שריפט (1943) — 115
ווידערוויקס (1943) — 116
אַ בלאַט פון לוח (1939) — 117
אַ יאַגד (1944) — 118
מילשטיין (1943) — 119
סאָווע אויף נעסט (1942) — 120
ביים דנאָ (1940) — 121
מידת־הדין (1942) — 122
ווידעראַמאָל (1943) — 123
גזר (1942) — 124

אויסלאָז

שטומע שפּראַך (1945) — 127
מאַיליק העמד (1943) — 128
חצות (1943) — 129
אַנומלט (1943) — 130
וואָלקנפּוך (1947) — 131
אין קלעם (1942) — 132
טאָפּלפּולס (1955) — 133
אַפילו אַז (1948) — 134
שקיעה (1952) — 135
ערב־אַנהויב (1948) — 136
באַלאַדע אין צוועלף (1949) — 139
אין גליווער (1946) — 140
דאַנס מאַקאַבר (1946) — 141
קאָנטראַפּונקט (1933) — 142
ווינט אויף זאַנגען (1932) — 143
באַגעגעניש (1939) — 145
טויב אין חלום (1955) — 146
זאַמד אין קוואַלן (1935) — 148

זייט

וורבע־צווייגל (1939) — 149
דער גרוס (1943) — 150
פון עבר אַרויס (1956) — 152

מיט ניגון

גרין־רויטער חלום (1932) — 155
רעגן אין שויב (1939) — 158
וויגליד (1933) — 160
טרויער געשיכורט (1937) — 161
מאָן צווישן זאַנגען (1933) — 163
אין פינצטערניש געבלאָנקעט (1934) — 165

פאַנדעמאָניקאָן

פאַנדעמאָניקאָן (1957) — 169
מזבח־אדמה (1957) — 175
זיבנשלאָסיק (1956) — 177
סוף דבר הכל נשמע (1956) — 180

ווערטער־טייטש

ווערטער־טייטש — 183